№ 11 RADOMER EXPRESS ראדאמער 8 זייטען I-טער יאהרגאנג פרייז 10 גר.

עקספרעס

Adres redakcji i administracji Radom, Żeromskiego 5 3 września 1933 r. ראדאם זונטאג פ' תבא יב' אלול תרצ"ג

היינט ווערט געשלאסען דער קאנגרעס
סאקאלאוו שאפט די נייע עקזעקוטיווע

ערב דער שאפונג פון א נייער עקזעקוטיווע

פראג 1 (יט"א) נאכ'ן שלוס פון דער דאנערשטאגדיגער נאכט-זיצונג איז די נעכסטע פלענאר-זיצונג פון קאנגרעס בעשטימט געוואָרען אויף שבת-צו-נאכטס.

דער פרייטאָגדיגער טאָג איז בעשטימט געוואָרען פאר די קאָנגרעס-קאָמיסיעס צו פערענדיגען זייערע ארבעט.

אויך דער פערמאנענץ-אויסשוס וועט האָפען אין משך פון דער צייט ענטגילטיג ערלעדיגען די פראגע פון דער עקזעקוטיווע. אין די קאנגרעס-קולואַרען הערשט די מיינונג, אז דאס וועט געלונגען אין משך פון דער פרייטער צייט ביז צו דער שבת-צו-נאכטיגער קאנגרעס-זיצונג.

די פלענאר-זיצונג, וואס וועט זיך אנהויבען שבת-צו-נאכטס וועט דויערען אהן אויפהער ביז זונטאג בייטאג, כדי אויסצושעפען אלע פונקטען פון דער טאג-אָרדנונג פון קאנגרעס.

ווי מען רעכענט, וועט דער קאנגרעס געשלאָסען ווערן זונטאָג פארנאכט.

נחום סאקאלאוו קאנפערירט מיט די ציוניסטישע פראקציעס.

פראג 1 (יט"א) נחום סאקאלאוו, וועלכער איז דורך דעם פערמאנענץ-אויסשוס בעאויפטראגט געוואָרען צו שאפען א נייע עקזעקוטיווע, האלט אָב קאנפערענצען מיט פארשטעהער פון פערשידענע ציוניסטישע פראקציעס וועגען שאפען אנ'עקזעקוטיווע. אלס יסוד פון די קאנפערענצען ווערט גענומען א קאאליציאנס-עקזעקוטיווע אהן דעם אנטייל פון די רעוויזיאניסטען.

אזוי ווי די קאנגרעס-בעראטונגען פערציהען זיך לענגער, ווי מען האט ערווארט, דארף מען זיך רעכענען הערמיט, אז פיל דעלעגאטען וועלען פערלאזען פראג פאר'ן שלוס פון קאנגרעס.

ציוניסטישער אבמאך מיט דייטשלאנד
האט א שייכות צום פאמעראנצען-עקספארט אין ארץ-ישראל

פראג 1 (יט"א) דער אבמאך מיט דייטשלאנד האט געבילדעט דעם מיטעלפונקט פון דער דיסקוסיע אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער פאליטישער קאמיסיע פון קאנגרעס, ווי אויך פון דער געשלאָסענער זיצונג פון אגענץ-ראט.

אין דער פאליטישער קאמיסיע פון קאנגרעס איז בעזונדערס שארף קריטיקירט געוואָרען דער אראנזשען-אבמאך מיט דייטשלאנד (קאמפענסאציאנס-אבמאך וועגען אויספוהר פון ארץ-ישראל-אראנזשען אויף דייטשע אינדוסטריעלע אויסאר-בייטונגען).

דערביי איז אנגעוויזען געוואָרען, אז אויב דער 3-מיליאן-מארק-אבמאך קען נאך האבען א געוויסע בערעכטיגונג, ווייל ער ערמעגליכט די יו-דען ארויסצוציהען זייערע קאפיטאלען פון דייטש-לאנד, איז דער אראנזשען-אבמאך אבסאלוט שעדליך און געגען די אינטערעסען פון די יודען אויף דער גאנצער וועלט.

א ריזיגע מיטגליעדער פון דער פאליטישער קאמיסיע האבען געפאָדערט פון דער אגענץ-עקזעקו-טיווע נעגאטיווע ערקלערונגען בנוגע די ביידע אבמאכען.

מיט דער זעלבער פאָדערונג איז אויך ארויס-געטרעטען אין ראט פון דער יודישער אגענץ פראפ. שפייער פון בעלגיען, וועלכער פיהרט דעם פאָרזיץ אויף דער אגענץ-סעסיע אלס שטעלפער-טרעטער פון אבוועזענדען ד"ר גאלדשמיד.

איבערגעבענדיג דעם פאָרזיץ דעם ד"ר ראבערט שאלד, האט פראפ. שפייער גענומען דאס ווארט און געפאָדערט נעגאטיווע אויפקלערונגען וועגען דעם עצם אין אלע פרטים פון די ביידע אבמאכען מיט דייטשלאנד.

אין נאמען פון דער אגענץ-עקזעקוטיווע האט ד"ר בערל לאָקער איבערגעגעבענד'ט אויף דער זיצונג פון אגענץ-ראט די ערקלערונגען, וואס איז שוין געמאכט געוואָרען אין משך פון די קאנגרעס-בע-ראטונגען, אז די עקזעקוטיווע האט נישט אונטער-האנדעלט וועגען די אבמאכען און זיי נישט געשלאָ-סען. די אייגענטליכקייטען קאָנען איבערגעגעבען ווע-רען אבער נישט אויף א פלענאר-זיצונג פון ראט.

דער ראט פון דער אגענץ האט דעריבער גע-וועהלט א קאמיסיע, וועלכע וועט זיך נאך היינט בעשעפטיגען מיט אלע אייגענטליכקייטען פון די אבמאכען און וועט ארויסהעבען די נעגאטיווע אויפקלערונגען פון דער עקזעקוטיווע.

פראג 1 (יט"א) אויף דער היינטיגער זיצונג פון ראט פון דער יודישער אגענץ איז אין דער גענעראל-דעבאטע שארף קריטיקירט געוואָרען די קאנגרעס-רעזאָלוציע וועגען דער לאגע פון די יו-דען אין דייטשלאנד.

פראפ. שפייער, וועלכער איז פארזיצער פון דער סעסיע, האט אין זיין רעדע בעזונדערס שארף אנגעגריפען דעם טייל פון דער רעזאָלוציע, וואס שטעלט פעסט, אז ארץ-ישראל איז די איינציגע לעזונג פון יודישען פראבלעם אין דייטשלאנד.

פראפ. שפייער האט בעטאנט, אז ארץ-ישראל קומט אין בעטראכט אלס איינע פון די לעזונגען, אבער נישט אלס די איינציגע. מען דארף אויך נעהמען אין אכט, דאס עס זענען פאראן לענדער ווי ענגלאנד, פראנקרייך, פערייניגטע-שטאטען, טשעכאסלאוואקיי און אנדערע, וואו די יודען גע-ניסען פאקטיש און יורידיש גלייכע רעכט.

די אויספארשונג ארום לעסינג-מארד
די נאציאנאל-סאציאליסטישע פארטיי אין טשעכאסלאוואקיי זאל פערבאטען ווערן

פראג, 1 (יט"א). 200 זשאנדארמען און 70 דעטעקטיוון זענען בעשעפטיגט ביי דער אויס-פארשונג פון לעסינג-מארד און ביים זוכען די מערדער און די מיטשולדיגע.

אין דער פערגאנגענער נאכט זענען דורכגע-פיהרט געוואָרען רעוויזיעס אין די האטעלען און רעסטאראנען, וועלכע געפינען זיך נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. די פאליציי האט געזוכט די מיטהעלפער פון דייטשען נאציאנאל-סאציא-ליסט עקערט, וועלכער האט ערמאָרדעט דעם פראָ-פעסאר לעסינג.

אין אייניגע פון די נאציאנאל-סאציאליסטי-שע קלובען האט די פאליציי געפונען בעהאלטען אין א היטלעריסטישער פאהן א געשריבענע נא-טיץ, וועלכע לויטעט: „לעסינג מוז שטארבען דעם 29 אויגוסט". אין א דארף צווישען נוידארף און די-מאוול, א מהלך פון דריי שעה פון דער דיי-טשער גרענעץ, האט די פאליציי געפונען דעם רעוואלווער, מיט וועלכען פראפ. לעסינג איז ער-מאָרדעט געוואָרען. אין דארף ביי מאריענבאד איז ארעסטירט געוואָרען דער פיהרער פון די ארטיגע נאציס אונטער'ן חשד, אז ער האט דעם מערדער עקערט געהאָלפען אנטלויפען.

עס איז קיין שום ספק נישט, אז דער מער-דער איז עקערט. די נאציס אין מאריענבאד בעריהמען זיך ציניש, אז „עקערט איז שוין איצט אין ני-רענבערג און רויכערט גאנץ רוהיג א ציגאר אויף דעם היטלעריסטישען צוזאמענפאהר".

פראג, 1 (יט"א). דער מיניסטעריען-ראט אין טשעכאסלאוואקיי בעראטהשלאגט איצט די פראגע וועגען פערבאָטען די נאציאנאל-סאציאליסטישע פארטיי אין טשעכאסלאוואקיי און ערקלערען די גאנצע טעטיגקייט פון די נאציס אלס אומלעגאל.

פראג, 1 (יט"א). אין דער לעצטער מינוט ווערט יט"א געמאלדען, אז די לויה פון ערמאָרדע-טען פראפ. לעסינג וועט פארקומען אין געהיים, אהן וועלכע עס איז עפענטליכע ארויסטרעטונגען.

צינישע ערקלערונג פון א נאציאנאל-סאציא-ליסטישען פיהרער

בערלין 1 ווי עס מיילט מיט די ציימונגען אין אבענד, האט ד"ר. ד"ר. גלאזער געהאלטען אויף א פערזאמלונג פון נאציאנאל-סאציאליסטישע פונקציאנערען א רעפעראט, אין וועלכען ער האט צוו. אנד. ערקלערט:

„פון נאציאנאל-סאציאליסטישען שטאנד-פונקט איז אומערלויבט, אז א יוד זאל אין גע-ריכט ארויסטראגען אורטיילען לגבי דייטשען.

דער זשענעווער אבמאך וועגען אויבערשלעזיען שטערט, ליידער, הינרציופיהרען פאלשטענדיג אונ-זערע פלענער, ווייל דער אבמאך איז גילטיג ביז'ן יאהר 1937. ביז יענער צייט מוזען מיר מאלערי-רען די יודען אין אויבערשלעזיען. די צייט וועט שוין אבער אונז ארויסהעלפען. די צייט איז שטענ-דיג געווען אונזער בעסטער פערבינדעטער. אונ-זער גרויסער פיהרער וועט זיך שוין מיט דער פראגע אנ'עצה געבען".

געשטארבען סער פיליפ מאגנוס
דער ראש פון ענגלישען יודענטום

לאנדאן (יט"א) אין עלטער פון 91 יאהר איז געשטארבען אין זיין גוט אין שוריי סער פיליפ מאגנוס, וועלכען מען האט בעצייכענט אלס ראש פון ענגלישען יודענטום, סער פיליפ מאגנוס, וועל-כער איז אמאל געווען פרעדיגער אין דער וועס-טי-לאנדאן-סינאגאגע, האט אין משך פון 16 יאהר רעפרעזענטירט דעם לאנדאנער אוניווערזיטעט אין ענגלישען פארלאמענט. אין יאהר 1886 איז ער בעטיטעלט געוואָרען צום אדעל און אין י. 1917 האט ער בעקומען דעם באראָן-טיטעל. סער פיליפ מאגנוס איז געווען אנ'אויטאריטעט אויפ'ן געביט פון טעכניק און האט אויך געשפילט א וויכטיגע ראָל אין עפענטליכען לעבען פון ענגלישען יודענ-טום. דער פערשטארבענער איז בעזונדערס געווען אקטיוו אין ערציהונגס און בילדונגס-ווענען, אין משך פון פיל יאהרען איז סער פיליפ מאגנוס גע-ווען וויצע-פארזיצער פון באָרד אָף דעפיוטיס.

דעם טיפסטען און אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל אונזערע חברים
און פריינד דוד און הערשעל צוזאמען מיט זייער פאמיליע
צוליב'ן טויט פון זייער פאטער

אברהם באַכראַך נ"ע

דריקען אויס בראניע און משה מלאווער

ארעסטירט א רעוויזיאניסטקע בעת'ז פערהער אין יפו

יפו (יט"א) בעת'ן פערהער ביים אויספאר-שונגס-ריכטער אין יפו וועגען דער רעוויזיאניסטי-שער גרופע „ברית הבריונים" האט דער ריכטער פערארדענט צו ארעסטירען ראיא בערמאן, וועל-כער ער האט פערהערט.

מען האט אויך פארגעלייגט א בריף פון אורי צבי גרינבערג, אין וועלכען ער טרעט ארויס שארף געגען זשאבאטינסקי'ן.

געוואָרען ביז'ן 12-טען סעפטעמבער.

מארשאל פילסודסקי איינגעלא-דען קיין מאסקווא

ווי דער נעסטיגער „ראבאטניק" מיילט מיט האט מארשאל פילסודסקי בעקומען אנ'איינלאדונג אלס קריגס-מיניסטער, צו קומען קיין מאסקווא אויף די יעהרליכע פייערונגען פון דער רויטער ארמעע.

אינזש. ראבערט שטריקער.

דער אנטיסעמיטיזם אין אייראפּא און דער באנקראט פון דער אסימילאציע

(ספּעציעל פאַר „אונזער עקספּרעס“)

(המשך).

— נאַציאָנאַל - פּאָליטישע, דאָס הייסט, צילבעוואוסטע ארבייט פאר דער דערגרייכונג פון רעכט פאר דעם גאנצן יודישען פאלק האָבען זיי נישט אָנגעפירט. פאר דער דערגרייכונג פון בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג האָבען זיי עס נישט געקאָנט טהון, דערנאָך האָבען זיי עס נישט געוואָלט. ערשט כמעט פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט זיך אנטוויקעלט די מאָדערנע נאציאָנאַל־יודישע באוועגונג און מיט איהר — די שטרעבונג צו דערגרייכען פאר די יודען אלס נאציע — מלוכה־רעכט.

עס איז פערשטענדליך, אז די היינטיגע שטרעבונג, וועלכע שטעהט אין היסטאָרישער צו א 2000־יעהריגער געוואוינהייט האָט זיך בעגעגענט מיט א שטארקען ווידערשטאנד אפילו מצד יודען.

די ערשטע טענה איז געווען, אז די יודען זענען מעהר נישט קיין פאלק, נאָר בלויז א גלויבענס־געמיינשאַפט. דער יודישער נאציאָנאַליזם איז דעריבער זינלאָז, אוטאָפּיסטיש און אויך געפעהרליך, ווייל ער שטערט דעם כמעט־פערענדיגטען אויפלעזונגס - פּראָצעס אין זיין לעצטער פאזע. דער דאָזיגער מאָטיוו איז אין די ערשטע צייטען זעהר שטארק בעטאָנט געוואָרען, היינט איז ער כמעט פערשטומט. ער שטעהט אין שטאַרקען ווידערשפּרוך צו דער ווירקליכקייט.

דער טרוים פון דער אויפלעזונג פון דער יודענאסימילאציע איז אויסגעחלומ'ט. די יודענשאַפט איז א שאַרף־אויסגעפּראָנטער קערפּער אין דער געזעלשאַפט. די צאָהל פון די יודישע יחידים וועלכע זענען באמת אריין אין דער פרעמדער סביבה, איז פערשווינדענד קליין. די פעלקער שטוסען די יודישע אסימילאציע אָפּ, זיי בעטראַכטען און בעהאַנדלען די יודען אלס א בעזונדער פאלק. און נישט בלויז רעאַקציאָנערע און אנטיסעמיטישע קרייזען בעציהען זיך אזוי צו דער יודען־פראַגע, נאָר זאָגאַר די פּראָגרעסיווסטע עלעמענטען, וועלכע בעציהען זיך פריינדליך צו יודען פערטרעטען אויך דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט. אזוי האָט, למשל, די אין שטאָקהאָלם אָבגעהאַלטענע סאציאַליסטען - קאָנפערענץ, בעת דער מלחמה 1919 (אינטערנאציאָנאַלע סאציאַליסטען - קאָנפערענץ) בעשלאָסען די אנערקענונג פון די יודען אלס נאציע. אזוי אויך די אין מאי 1919 אָבגעהאַלטענע אינטערנאציאָנאַלע סאציאַליסטען - קאָנפערענץ אין אמסטערדאַם. די פערטרעטער פון כמעט אלע לענדער האָבען געשטימט דערפאַר (אויסער די פערטרעטער פון דער דייטש־עסטרייכישער סאציאַל־דעמאָקראַטיע), די דאָזיגע איינציגע געגענשטימע שפּילט אָבער נישט קיין שום ראָל שוין צוליב דעם, ווייל די דייטש־עסטרייכער זענען געווען פערטרעטען דורך אנ'אסימילאציע־יוד דעם געש'מד'טען פיהרער וויקטאָר אדלער.

די איבערוויגענדע מאיאָריטעט פון די יודען פיהלט און דענקט נאַציאָנאַל. די גאַנצע יונגע און מיטעלערע גענעראציע בעגייסטערט זיך פאר איהר פאָלקסטום, די מזרח־יודען איז קיינמאָל נישט איינגעפאלען זייער יודישע פאָלקסטום צו פערלייקענען, נייע נאציאָנאַל לעבען און שטרעבען האָט אויפגעוואַכט און די מעשה פון א גלויבענס־געמיינשאַפט איז היינט בלויז א טרויעריגער וויץ פערבליבען.

נאָך נישט לאנג האָט זיך פאר אונזערע אויגען אָבגעשפּילט די קאָמעדיע, ווי אסימילאַנטען, וועלכע זענען פון יודישען גלויבען געווען ווייטער ווי דער פויפסט און פלעגען זייערע זיהן און טעכטער פיהרען צום שמד—האָבען געפּרעדיגט דעם פערוואַגענדען פאַנד פון רעליגיע און אמונה. די דאָזיגע „חסידים“ און טראַדיציע־פערטיידיגער האָבען ארויסגעשלעפּט זייער לאנג־אוועקגעוואָרפענעם גלויבען, כדי צו פערהיטען א גאַנג ארום דער ארמיי פון די נאציאָנאַלע יודען. די צייט איז פאַרביי. איצט רעדען זיי שוין נישט מעהר וועגען דעם, אז יודען זענען נישט קיין פאלק, נאָר ווייזען־אָן אויף דער געפאַהר, וואָס דראָהט אונז, ווען מיר דעקלאַרירען זיך אלס פאלק. באמת איז זייער זאָרג, אז יחידים אָדער יודישע גרופּען וועלען דורך דעם ארויסשטעלען ווייטער זייערע פּאָזיציעס צוליב זייער יודישקייט וועלען זיי מוזען ליידען א געזעלשאַפטליכען אָדער ווירטשאַפטליכען היזק.

לאָמיר אָננעהמען, אַז דאָס איז ריכטיג. צי איז דאָס אָבער א גענוגענדער גרונד, צו פערגעסען אָן דער פערבינדונג מיט דעם יודישען פאלק?

די קלענסטע רעפאָרמען אויף דעם אומבעדייטענדסטען געביט פאָדערן דאָך קרבנות און יעדער האַלט עס פאר פערשטענדליך. אָבער אז דער געזונד־מאַכונג פון דעם אומגליקליכען, אַלטען, פעראַכטעטען און בעראַבטען יודישען פאלק זאָל מען פערגעסען, ווייל דאָס דאַרף קאָסטען קרבנות.

הינטער דער דאָזיגער יעהאָוואָמיזשער דאגה וועגען יעדען העדעלע פון יעדען יודישען ברודער און וועגען יעדען באנקראָט אין דער יודישער קעשענע ליגט פערבאָרגען דער העסליכער עגאָאיזם פון אלע די, וועלכע געניסען פון דער דאָזיגער אומגליקליכער פּאָזיציע פון דעם יודישען פאָלק און ציטערן פאר א ראַדיקאַלער אויפקלערונג פון דעם פערהעלטניש צווישען יודען און נישט־יודען, בבחי

דאָס זאָל נישט שאַדען זייער געזעלשאַפטליכער בעקוועמליכקייט און זייער זאַמער רוהיגקייט.

דעריבער האָבען די זעלבע מענשען דאָך געהאַט די חוצפה זיך צו היטען מיט קרבנות, וואָס אַנדערע האָבען געבראַכט, זייערע קינדער פלעגען זיי בעריהמטען דערצעהלען וועגען יענע אַלטע יודען, וואָס האָבען זיך מיט זייער נאַקעטער ברוסט געוואָרפען אויף די רוימישע שווערדען, כדי צו בעשיצען ירושלים, וועגען די וועלכע פלעגען זיך און זייערע קינדער לאָזען בראָטען אויף דעם אויטאָ־דאַ־פע פון דער אינקוויזיציע, אבי נישט אָבצושרעקען פון יודענטום. זיי אליין אָבער זענען גרייט געוועזען צו פערלייקענען זייער יודענטום. אבי צו פערמייַדען אויף וואַקאַציעס אין א יודען־ריינער זומער־וואוינונג. זיי האַלטען דערפאַר דאָס מויל, ווען בשעת א געשפּרעך איבער יודישע ענינים, קומט ארויס דאָס קריסטליכע דינסט־מיידעל.

די זעלבע יודען, האָבען עס געהאַלטען פאר זעלבסטפערשטענדליך, וואָס אלע אַנדערע פעלקער קעמפען און ליידען פאר זייער פרייהייט, וואָס פראנצויזען, דייטשען, רוסען האָבען זיך געלאָזט אומברענגען אויף באריקאַדען, כדי צו העלפען זייערע פערקנעכטעטע ברידער. — זיי האָבען עס אויך געהאַלטען פאר זעלבסטפערשטענדליך, וואָס יודען (נאַטירליך, אַנדערע נישט זיי) מאַכען דעם דאָזיגען קאַמף מיט.

אָבער פאר דעם יודענטום דאַרף מען פון קיין יודען קיין שום קרבן נישט פערלאַנגען. פאר זיין פאלק, פאר זיינע ברידער, דאַרף דער יודישער יחיד גאָר נישט מקריב־זיין. פיל הונדערטער, טויזענדער יודען, זאָלען ווייטער לעבען אין רעכטלאָזיגקייט און אין דער שענדליכער פּאַריאַ־יודענדער דערנידריגונג אונטערדריקט און גייסטיגער, ווירטשאַפטליכער און פּאָליטישער נויט. כדי עטליכע הונדערט האַלבע־ אָדער גאַנצע־ פון־יודענטום - אָבגעפאַלענע פערזאָנען זאָלען זיך קענען וואַרעמען אויף דער זון פון פרעמדע חסד און זאָלען נישט חלילה, אדורכגעשטערט ווערען פון זייער געזעלשאַפטליכען גלייכגעוויכט.

גליקליכערווייזע זענען די בעשיצער פון דער אסימילאַציאָנישער בעקוועמליכקייט שוין נישט מעהר קיין ערנסטע געגנער. די נאציאָנאַלע אידעע האָט דעם יודישען אינטעליגענט געפּרעגט און עס איז ארויסגעוואַקסען א דור, וואָס פערשטעהט צו ברענגען קרבנות, און בעגרייפט די בעדייטונג פון קרבן פאר זיין פאָלק.

בעשטימט, האָט א געוויסע גרופּע פון יודען, תיכף נאָך דער אנערקענונג פון דעם יודישען פאָלקסטום פערלוירען דעם באָדען אונטער די פיס. די מייסטען פון די בירגערליכע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פיהרער, וועלכע האָבען אויפגענומען אין געזונטן צוצופיהרען יודישע אנגעלעגנהייטען און נאָכשלעפּען די פרעמדע פעלקער און פרעמדע פּאַרטייען, האָבען פערלוירען זייערע לעצטע פּאָזיציעס. פאר יודישע רעפּובליקאַנער, אָרגאַניזאַציע־מאַכער, פּראָווינצער גדולים און צייטונגס־מענשען, וועלכע האָבען יאָהרען־לאַנג געמאַכט א פּוילישען, טשעכישען אָדער דייטשען אָנשטעל און אלס רווח דערפון האָבען זיי געמאַכט פון כבודים, פּאָסטענס און פּראָפיטען פאר זיך, פאר זייערע משפּחות און פאר זייערע מיטהעלפער — וועט שוין באַלד קיין פּלאַץ נישט זיין אין דער יודישער געזעלשאַפט. דער קליינער קרייז, וועלכער האָט ביז יעצט געצויגען נוצען פון זיין נישט־יודישער פּאָליטיק, איז שוין איצט געשראָקען געוואָרען. אָבער דער שאָדען פון די דאָזיגע „יודישע“ עקזיסטענצען איז נישט קיין קרבן, נאָר א געווינס. אויף זייער אָרט טרעטען־אויף און וועלען וואַקסען ווייטער אלץ מעהר אויפטרעטען די בעפּאָלמעכטיגטע פון דעם יודישען פאלק.

מען זאָגט, אז דורך דער אנערקענונג פון דער יודישער נאציע ווערט געשאַפען א נייע געטאָ און עס ווערען אָבגעבראָכען די בעציהונגען, וועלכע האָבען זיך אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען נאָך דער עמאַנציפּאַציע געשאַפען צווישען דער יודישער און נישט־יודישער געזעלשאַפט. מען זאָגט, אז ווען די יודען וועלען זיך נאציאָנאַל אָבזונדערן פון זייער סביבה און זיך בעקענען אלס א זעלבסטשטענדיג פאלק, דאַן וועט די סביבה ענטפערען מיט געזעלשאַפטליכען באָיקאָט.

דאָ מוז בעטאָנט ווערען, אז דאָס יודיש־נישט־יודישע געזעלשאַפטליכע צוזאַמענלעבען עקזיסטירט נאָר אין דער פאַנטאַזיע פון די פאַר מגינים אסימילאציע־יודען און זייערע נאָכשלעפּער פון אלע שאַטירונגען. די צאָהל יודען, וועלכע אין פּאָליטישער אריין אין דער פרעמדער געזעלשאַפט, איז אונבעדייטענד. די פאַר צעהנדליג „גרויס־יודען“, וואָס האָבען פאר זייער איינטריט אין נישט יודישע קרייזען מיט זייער און מיט מזומנים בעצאָהלט און וועלכע מוזען בייַ זייער טיש אויסהאַלטען א הכרח נישט־יודישע מיטעסער — וועגען זיי לוינט נישט צו רעדען. אפילו די געשמד'טע יודען זענען נישט געזעלשאַפטליך פערבונדען מיט די נישט־יודען. אויך די משומדים מוזען פערבלייבען איינס מיט די אנדערע. ווייל אָבער עס עקעלט זיי אייגענע פאר די אנדערע, פערקעהרען זיי זיך אויך בייַ די יודישע קאַווע־ הייזער און טייטעלער און א דאַנק דער יודישער שאָפּטילער, געפינען זיי נאָך פּלאַץ אין א יודישער סביבה. די יודישע און נישט־יודישע מאַסען לעבען געזעלשאַפטליך אין זיך און פאר זיך. נאָך פערענדיגטער ארבייט, חבר'ט זיך דער יוד מיט'ן יודען און דער קריסט מיט'ן קריסט.

אין דער בעציהונג איז מעגליך איין פערבעסערונג: א יוד, וואָס טראָגט זיין יודענטום שטאָלץ און אָפען, קאָן זיך בעגעגענען מיט נישט־יודען פיל פריינדליכער, ווי אזא יוד, וואָס פערשטעקט זיין יודישקייט, ווי א קראַנקהייט, און נישט־יודישע געזעלשאַפט ווערט דער אסימילאציע־יוד רוים אין פּלאַץ, ווי נאָר עס ווערט ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט — יוד. אויך די נישט־יודען דרעהען און קוועטשען זיך ארום דעם דאָזיגען וואָרט און ווען עס ווערט זיי שוין גאָר־שווער שטאַמלען זיי שטיל „איזראעליט“ און זיי קימען זיך נאָך דאַן אויך פאר ווי פערברעכער. דאָס שאַפט א שטענדיגע קלעמעניש־פולע שפּאַנונג, וואָס יעגט הערצליכקייט און ווערט פערהאַרטעוועט. דער נאַציאָנאַל־פילאַזאָפישער יוד ווייכט נישט אויס קיין געשפּרעך איבער זיין יודישקייט און מאַכט דערמיט מעגליך א ווירדיגען געדאַנקען־ און מיינונגס־אויסטויש.

די פּאַראַליזירונג פאר געזעלשאַפטליכער דערנעהנטערונג איז דאָך א פאַקט און נישט אונאויפריכטיגקייט, וועלכע געהערט בייַ ביידע צדדים די ווירדע. די ווילדעסטע אנטיסעמיטען אין זייערע אָרגאַנען האָבען זיך אויסגעלערנט מיט דעם נאציאָנאַלען יודען צו רעדען אין אזא שפּראַך, וועלכע מאַכט מעגליך א דיסקוסיע. דאָס זעהט מען די וואָרלאַסטיגע השפּעה, וואָס עהרליכקייט און מענליכער מוט רופען שטענדיג אין אימשטאַנד ארויס. דעריבער, האָט עס שטענדיג קאָמיש געווירקט בשעת דער אסימילאַטאָר, דער אויסגעבויטעטער און ליבעראַליזירטער פערלייקענער פון זיין שטאַם — פּלעגט זיך אנטשולדיגען דעם נאציאָנאַלען יודען דעם עהרליכען, שטאָלצען בעשיצער פון זיין פאלק און איהם פּרובען זידלען מיט דעם טיטעל „געטאָ־מענש“.

עס זאָגט עדות בכלל וועגען דער טהויסער אונקענטעניש פון דעם כאַראַקטער פון חשד אנטיסעמיטישער באָיקאָט־בעוועגונג, ווען מען וויל עס ברענגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צי דער יוד בעטאָנט זיין פאָלקסטום אָדער נישט. דאָס איז פּאָלעמיק. די שטאַטיסטיקען בעווייזען דעם היפך. דער שאַרפסטער באָיקאָט איז תמיד געפיהרט געוואָרען דאָרטען, וואו די יודען זענען פליגער אָבגעלאָפען דער העברעישער נאציע. די דייטש־נאציאָנאַלע כוונות האָבען אויסגעשטעלט זייערע באָיקאָט־באַפעהלן פאר אזעלכע יודען־אסימילאַנטען, וועלכע אינהאַבער עס האָבען זיך תמיד כפּאַוואַטיש געהאַלטען פאר דייטשען. אנטיסעמיטיזם קעמפט נישט הודא געגען נאציאָנאַל־בעוואוסטע יודען, נאָר אפילו געגען דייטש־געזונטע שוואַרץ־רויט־געלדען־אָבגעאַרבטע איזראַעליטען. דער טשעכישער און רומענישער באָיקאָט איז ארויסגערופען געוואָרען גראָד דורך דעם, וואָס די יודען האָבען זיך דאָרטען בעטראַכטען נישט אלס יודען, נאָר האָבען געמאַכט דעם אָנשטעל פון דייטשען אָדער אָנגעהעריגע פון א שכנות'דיגער נאַציע.

א יודענטום מיט א געאייניגטען ווילען צו אָבווער, פּאָליטיש־אָרגאַניזירט און בעוואָפענט מיט קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט — קאָן בעגעגענען דעם פּראַקטישען אנטיסעמיטיזם מיט אנדערע מאַכט־מיטלען, ווי די, וועלכע עס פלעגען אנווענדען די איזאָלירטע, צעפאַהרענע, פּראָטעסטירענדע אסימילאציע־יודען. אזוי יודענטום קען צווינגען דער רעגירונג געשעענע־געווירקען אנ'עוועקנעמען יודישען באָיקאָט, וועלכער קאָן אין טאָלעראַנטע שטאַטען דאָך נאָר זיין טעטיג מיט אונגעזעצליכע מיטלען. אנ'אָרגאַניזירט יודענטום קאָן אויך דורך אינטערליך־ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס דעם בעדראָהטען יודען דורך שוץ און אונטערשטיצונג העלפען אין דער שלעכטער צייט. דער פריהער נישט זעלטענער פאַל, ווען מען האָט, כדי ארויסצושטופּען יודען איינגעאָרדנעט אנטפערנטהאַלטונגען מיט געלד, וואָס איז דירעקט אָדער אינדירעקט אויסגעליהען געוואָרען דורך יודישע גרויס־באַנקען — איז, דוכט זיך, שוין אויסגעשלאָסען.

דער געדאַנק, אז א נאַציאָנאַלע זעלבסטפערוואַלטונג מוז פיהרען צו א פּראָצענט־נאָרמע פאר יודען אויף אלע געביטען פון געזעלשאַפטליכען לעבען — איז אבסורד. ווער עס האָט פון דער נאציאָנאַלער זעלבסטפערוואַלטונג א פעלקער־שלום און א פעלקער־אויסגלייך — פערשטעהט דאָס. דאָס ראַנגעלען זיך וועגען שטעלעס און קליינינקע פּאָסטענס איז נאָר א מיטעל ביי צאַנקענדע פעלקער. פעלקער, וועלכע האָבען זיך גאָר א ביסעל אויסגעגליכען, האָבען פאר זייער נאַציאָנאַלע רעכט גאַנץ אַנדערע און פיל־מאָליגערע גאַראַנטיעס, זיי דאַרפען זיך נישט ארומקריגען וועגען בעאַמטען־פּאָסטענס און וועגען ברויט־טרעגער־שטעלעס. דאָרט מוז קומען דער גרונטזאַץ. — פרייער ווען פאר דעם מיכטיגען. פאר דעם גרונדזאַץ וועלען פּאַרטיי־געשרייען מענשען אייביג קעמפען און יודישע נאַציאָנאַליסטען וועלען איהם שטענדיג פערטיידיגען.

ערשט נאָך די פריהערע פעלקער האָבען אונזערע יודישע אסימילאַנטען איינגעזעהען, אז ס'איז אנ'אומזיסטע טרחה צו בעשטרייטען די עקזיסטענץ פון א יודיש פאלק. אָבער זיי האָבען געפונען אנ'אַנדערער אויסוועג: עס איז דאָ א יודיש פאלק, אָבער די יודען טאָרען זיך אין דעם עפענטליך נישט מודה־זיין, ווייל דאָס קאָן פאר זיי ווערען געפערליך.

זיי האָבען געהאַלטען פאר גליקליך דעם צושטאַנד, וואָס יודען קענען לעבען צווישען דייטשען, צווישען ענגלענדער, צווישען פראַנצויזען און דאָרטען זיך נישט בעקענען צו זייער אייגענער נאַציע. היינט קאָן מען אין פאריז זיין א פראַנצויז, מאָרגען אין בערלין — א דייטש, הייט אין פּראָג — א טשעך און מאָרגען אין בודאַפּעשט — א מאַדיאַר. די יודישע נאַציאָנאַליסטען ווילען ביי די יודען אויסטרייבען דעם דאָזיגען פאָרטייל און זיי צווינגען צו אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער איינשטעלונג.

א נישט־לאַנג־פערשטאָרבענער רעפּרעזענטאַנט פון עסטרייכישען יודענטום און א בעקאַנטער פון דער יודיש־נאציאָנאַלער בעוועגונג האָט ערקלערט: עס איז דאָ א יודיש פאלק און ער פיהלט זיך צוגעהעריג צו דעם פאלק. וואָלט איהם אָבער די רעגירונג אָדער א געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט אויפגעפאָדערט דאָס שריפטליך צו בעשטעטיגען, דאַן וואָלט ער די עקזיסטענץ פון יודישען פאלק געמוזט פערלייקענען, ווייל אויב נישט, וואָלטען געקענט געשעדיגט ווערען די זעהר ווירטשאַפטליכע יודישע אינטערעסען. די עקזיסטענץ פון יודישען פאלק, מיינט ער, איז א געשעפטס־געהיימניש און די יודישע נאַציאָנאַליסטען זענען פערברעכער לגבי יודישע אינטערעסען, ווייל זיי זאָגען־אויס דעם ביז־איצט אזוי געטריי־אָבגעהיטענעם סוד.

היינט איז שוין פאר אלעמען קלאָר, אז עס איז זינלאָז און הינטליך צו בעוואַהרען די עקזיסטענץ און דאָס אויסבליהען פון א פאלק דורך פערהאַנדלען דעם אמת, דורך נישט אויסזאָגען וואָס מען איז. דאָס בעדייט דאָך: פערוואַנדלען דאָס פאלק אין א זומפּ־געוויקס, וואָס דאַרף ציהען איהר זאַפט פון פרעמדע און וואָס פערפּעסטעט איהר סביבה. א פאלק, וואָס פערהאַלט איהרע אַנגעהעריגע צו ליגען און פערלייקענונג, איז נישט נאָר קראַנק, עס איז א שווערע געפאַהר פאר זיין סביבה און קיין מענש וואָלט בייַ די דאָזיגע פעלקער נישט געקאָנט אָבגעהאַלטען דאָס רעכט מיט אלע מיטלען און כוחות צו קעמפען געגען דער ווייטערער עקזיסטענץ פון אזא פאלק. אויב עס איז עפּעס פאַראַן וואָס גיט דעם אנטיסעמיטיזם דעם תירוץ פון געדעכטער גרינוויזעה — טאָ איז עס גראָד די דאָזיגע אונגעהייערע - קרענקליכע און העסליכע אידעע פון א יודיש פאלק, וואָס קאָן לעבען און אָטעמען נאָר אונטער א מאַסקע און וואָס מוז פערלייקענען זיין דאָ־זיין. די יודיש - נאַציאָנאַלע שטרעבונגען ווילען בעזייטיגען דעם דאָזיגען געזעלשאַפטליכען ליגען פון פּאָליטישען לעבען.

זיי ערשיינען, אלזא, די יסודות פון אנטיסעמיטיזם און דערפיהרען צו די נויטווענדיגע בעדינגונגען פאר שאַפען א נייעם פערהעלטניש צווישען די יודען און זייער סביבה.

נישט צוגעלאָזט יודישע הענדלער צו דער מיכאעליס־מעסע אין מיטעלבערג

פראַנקפורט (יט"א) אויף דער לעצטער זיצונג פון מאַרק־ראַט אין מילטענבערג איז בעשלאָסען געוואָרען, אין די אינטערעסען פון רוה און אָרדנונג נישט צוצולאָזען קיין יודישע הענדלער און פירמעס צו דער מיכאעליס־מעסע פון 2־טען ביז'ן 9־טען סעפּטעמבער.

צוזאַמענשטויס צווישען די קוזיסטען און פּאָליציי

קלויזענבורג (יט"א) אין פראַנשאַנגרע־חייזע פון די קוזיסטען אין זיבענבירגען האָבען זיי אין מעדיאש געפרובט אָרגאַניזירען אנ'אנטי־יודישען מיטינג, וועלכער איז פערבאָטען געוואָרען דורך דער פּאָליציי. עס איז געקומען צו א צוזאַמענשטויס צווישען די קוזיסטען און דער פּאָליציי, וועלכע האָט צוטריבען די קוזיסטען.

די קוזיסטען פיהרען פערהאַנדלונגען מיט די אָרטיגע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען וועגען געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען.

יוסף קלאַרמאַן.

פון מיין קאנגרעס נאָטיץ-בוך

(איינדרוקען, בילדלעך, בעמערקונגען און קוריאָזען)

— וואָס וועט דאָך זיין? — פרעגט מיך א דעלעגאט. — וועט וויצמאן ווערען פרעזידענט, אָדער ניין? א פנים יעדער דעלעגאט האלט, אז נאר חכמה זשורנאליסטען קאנען תופס זיין אזא שווערע סוגיא.

מיינט נישט, אז עס איז אזוי לייכט צו ענט-פערען אויף דער דאזיגער פראגע. אפילו די הויפט - מחותנים און די שדכנים ווייסען אליין אויך נישט. מען איז דאך געווען זיכער, נאכדעם ווי די מחותנים בן-גוריון און שפּרינצאק זענען צוריקגעקומען פון זייער „עליה" קיין לוצערן, אז וויצמאן האט געגעבען זיין הסכמה.

שטעלט אייך פאר: די „לינקע" מיט גרינ-בוים'ס „אלגעמיינע" האבען דאך קרוב 50 פּראָ-צענט. היינט נעהמט די ענגלישע ציוניסטען, צו-זאמען הוסט זיך — א מעהרהייט. איצט דעם נדן: אמת, אויסשליסען די רעוויזיאניסטען וועט מען נישט, אבער די יאהרען וועט מען זיי „דערנעהן", מען וועט זייער פנים פערשווארצען א. א. וו. „מיין ליבנען, וואס ווילסטו נאך מעהר"?

און אז בן-גוריון און שפּרינצאק זענען צו-ריקגעקומען פון די „תנאים" אין לוצערן — האט מען אין פראג אנגעהויבען מאכען די הכנות צו דער „חתונה".

פלוצים איז געשטערט געוואָרען די שמחה. פון קאנגרעס - פּרעזידיום מעלדעט מען, אז די לינקע פראקציע זאל זיך תיכף פערזאמלען אויף א באראטונג. די בעראטונג איז וואס אנ'אמת פארגעקומען ווי דער מנהג איז ביי פערמאכטע טהירען. אז מען איז אבער א זשורנאליסט העל-פען אפילו נישט קיין „געשלאסענע טהירען" און כהרף עין איז דער סוד געוואָרען אויס סוד: א דעפּעשע פון פראג. וויצמאן. ער איז נישט מס-כים אונטערצונעהמען די ליידונג. דאס מאל שוין נישט צוליב די רעוויזיאניסטען נאר טאקע צוליב די לינקע.

איהר וואונדערט זיך, הא? איז אדרבא, לא-מיר דערציילען: ווי בעקאנט איז דער איינציגער אביעקט פאר קאמף אין דער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע אין די לעצטע יאהרען געווען די „יודי-שע אגענץ", פאר וועלכער וויצמאן האט איינגערי-סען וועלטען. די גרויסע ווירקליכקייט פון די לעצ-טע 4 יאהר האט אבער בעוויזען, אז מען האט געמאכט א פויל געשעפט מיט די נישט - ציו-ניסטען. אפילו די אנהענגער פון דער „יודישער אגענץ" האבען מודה געווען, אז די „כלה" איז נישט קיין איבעריגע שעהנע, אבער הערפאר האט מען גערעכענט צו בעקומען פון איהר א גרויסען „נדן". האט מען זיך אפילו אין דער הינזיכט אויך שטארק געטוישט. קומען איצט די לינקע און טענה'ן: מיר האבען מוותר געווען אויף סאָ-ציאליסטישע עיקרים, מחמת מיר האבען גערע-כענט, אז עס וועט לכל - הפּחות זיין געלד, אויב אבער זיי גיבען נישט קיין געלד — מה צו וואס איז וואָרום דער גאנצער עסק?

א גערעכטע טענה! האבען די „לינקע", פאר זייער אבפאהרען פון ארץ-ישראל צום קאנגרעס, בעשלאסען צו אנוליהרען דעם אבמאך מיט די ניט-ציוניסטען אָדער איהם העגעמאָניע.

האט וויצמאן געשטעלט אנ'אולטימאטום אין זיינער דעפּעשע. איהר, הייסט עס, האט די ברי-רה. וועט איהר צוריקציהען אייער בעשלוס ווע-גען דער „יודישער אגענץ" — איז גוט, וועל איך זיך „לאזען" וועהלען, אלא נישט — זאל איזואן בלאזען שופר!...

שטעהען די „לינקע" פאר אנ'אויסוואהל. גיי זייא חכם און ווייס, וואס זיי ווילען בעשליסען. אין זייער האנד ליגט איצט דער שליסעל פון דער גאולה... אבער דערוויל ציהט מען ארוים ביים עולם די נשמה.

יא וויצמאן — נישט וויצמאן!

ווער עס רעדט העברעאיש...

אזא מזל האבען מיר שוין. מען וואונטשט זיך פון איין עקסטרעמקייט צום צווייטען. סאיז קלאר אז אויף דעם קאנגרעס האט מען זיך נישט גע-טאהט ערלויבען אזא לוקסוס און זיך בענוצען מיט דער דייטשער שפּראך. אוודאי וואלט זיך גוט און שעהן געווען, ווען אלע וואלטען גערעדט הע-ברעאיש. ווי' איז אבער דער דין, אז מען יכול'ט נישט, נישט חא גערעדט?

מאכט זיך, אז אויף דער ערשטער זיצונג האט עפּעס א רעדנער אנגעהויבען רעדען דווקא יודיש; זענען אויפגעשפּרונגען די ארבייטער - דעלעגאטען און געשריען:

— עברית! דבר עברית!

האב איך זיך אזוי צוגעקוקט (בעסער גע-זאגט: צוגעהערט) עטליכע טעג. עס רעדט בן-גוריון — יודיש. עס רעדט זלמן רובאשאוו — יודיש. עס רעדט רמז — ווידער יודיש. עס רעדט דער „קלעריסאל" הרב בערלין — העברעאיש. עס רעדט ד"ר בוגראשאוו — העברעאיש. ס'רעדט ד"ר וויטשאל — העברעאיש. און ווען אין לעצ-טען טאג האט ווידער גערעדט רמז און דווקא יו-דיש, איז אויפגעשפּרונגען ד"ר צבי זהר, דער לייטער פון „תרבות" אין פוילען און געשריגען:

— כלום איך מדבר עברית?

יא, ווער ס'רעדט העברעאיש און ווער עס מאכט פּוסטע דעמאנסטראציעס...

לא דובים ולא יער...

ביי דעם לינקען פליגעל זענען פאראן דריי גוטע רעדנער. יעדער פון זיי רופט ארוים א בע-זונדערען אינטערעס. איינער פון זיי איז א טיף דענקענדער מענש און, ווי מען זאגט, וואַרפט ער ביים רעדען זעהר אריגינעלע געדאנקען. דער צווייטער איז א מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזע-קוטיווע — א מאסען - רעדנער. דער דריטער איז שוין גאר א „רעוואלוציאנער" צווישען די ארץ-ישראל'דיגע ארבייטער. קאמיר אויסרעכענען לויט'ן סדר: כצנלסאן ד ו ב, לאקער ד ו ב און מאיר י ע ר י.

אויף דעם איצטיגען קאנגרעס איז זיי אויס-געפאלען צו האלטען רעדעס, וואס ענטשפּרעכען נישט זייער טעמפּעראמענט און נאטור. זענען די רעדעס ארויסגעקומען בלאס.

זאגט מיר טאקע אנ'ארץ-ישראל'דיגער אר-בייטער-מהדר:

— ס'איז לא ד ו ב י ם ולא י ע ר...

נישטא קיין סדר-היום

איהר וועט מסתמא לאכען: ביז היינט, דער 10-טער טאג זינט דער קאנגרעס האט זיך אנגע-הויבען, איז נאך נישט אנגענומען געוואָרען דער סדר-היום. לעולם האב איך דעם סדר-היום גע-לייענט אין די צייטונגען גאנצע צעהן טעג פאר'ן קאנגרעס.

פארוואס דער סדר - היום איז נאך ביז היינט נישט אנגענומען? קיין וואונדער נישט: אדרבא, זאגט איהר ווען האט מען איהם געוואָלט אננעה-מען?

דריי טעג נאכאנאנד האבען די „לינקע" מעכב - הקריאה געווען צוליב דעם פּרעזידיום, דריי טעג האט מען צוזעמענגעריסט א „באמבע", עפּעס א דעפּעשע פון ארץ-ישראל, איין טאג האט בכלל דער קאנגרעס גערוהט, שוין צוויי טעג ווי מען הרג'עט זיך וועגען א נייער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע.

אלזא, דער חשבון שטימט. אבער די דעלע-גאטען לויפען ארום און האלטען זיך אין איין פרעגען: וואס וועט זיין היינט און וואס וועט זיין מארגען?

אנ'אמת'ע אבשפּיגלונג פון היינטיגען קאנ-גרעס!!

און דער תימנ'ער דעלעגאט האלט אין איין פרעגען דעם קאנגרעס - פּרעזידענט ה' לעא מאצ-קין:

— צי וועט דער סדר - היום נאך אנגענו-מען ווערען פאר'ן שלוס פון קאנגרעס?

ווער ווייסט!

פראג, 30-טען אויגוסט.

וואס האט אונז דער בירגערמייסטער געזאגט?

(א בריף פון פראג)

פון ז. האבער.

אין איינער פון מיינע קארעספּאנדענצען האב איך געשריבען, אז דער פראגער בירגערמיי-סטער הר. באקסא האט זיך פערבעטען אויף א גלעזעל טהיי די פערטרעטער פון דער יודישער פרעסע און חוץ לזה פראמינענטע דעלעגאטען און קאנגרעס-געסט.

ביי דעם דאזיגען קבלת-פנים האט זיי פאר-געשטעלט דער פּרעזידענט פון פראגער יריד (וואס הויבט זיך אן דעם 3 סעפּטעמבער) א פּראגראם, ווי אזוי צו פערטיפען די האנדעלס - בעציהונגען צווישען ארץ-ישראל און דער טשעכאסלאוואקיי און ווי אזוי צו עקספּארטירען טשעכישע סחורות אין אלע לענדער, וואו יודען וואוינען אין גרויסע מאסען.

דערביי זענען מיר געוואויר געוואָרען, אז טשעכאסלאוואקיי מאכט איצט גרויסע הכנות כדי מיט אלע מיטלען צו פערגרעסערן איהר האנ-דעל און ארויסצודרינגען אויף אלע האנדעלס - מערק פון דער גאנצער וועלט.

און איינער פון מיינע קארעספּאנדענצען

בנוגע ארץ-ישראל האבען מיר געהערט, אז ביז איצט זענען וועניג פּראָדוקטען פון ארץ-יש-ראל געקומען אהער. טשעכאסלאוואקיי האט צעהן מאל אזויפיל געליפערט קיין ארץ-ישראל, ווי א"י האט עקספּארטירט, כאטש דאס לאנד וואלט גע-קאנט פיל, פיל מעהר סחורות בעציהען פון ארץ-ישראל.

טשעכאסלאוואקיי איז מרוצה אבצושליסען א גאנץ גרויסען טייל פון תוצרת הארץ און פון ארץ-ישראל - סחורות. מען האפט, אז בקרוב וועט אזא אבמאך געשלאסען ווערען. אויך טשעכיען וועט פיל מעהר פון איהרע אינדוסטריע - ארטיק-לען ליפערען קיין ארץ-ישראל.

פערטרעטער פון אונטערנעהמונגען אין א"י און אייניגע גרויסע סוחרים פון דארט וועלען פון דער אנדערער זייט ווידער זיך דא פערבינדען דורך דער פראגער מעסע מיט אלע פירמעס, וואס זענען בכוח עפּעס צו ליפערען. זיי וועלען זיך בעמיהען אנצוקניפּען נייע בעציהונגען מיט פאב-ריקען, וואס פּראָדוצירען דא די אלע ארטיקלען, וועלכע מען האט ביז איצט בעצויגען פון דייטש-לאנד.

בקרוב וועט אויך מעגליך זיין צו שאפען נייע האנדעלס - בעציהונגען מיט פיל לענדער, ווי למשל פוילען און די באלטישע מלוכות. עס וועלען אבגעשלאסען ווערען גוטע האנדעלס - בעציהונ-גען צווישען די לענדער און טשעכאסלאוואקיי.

די פּוילישע רעגירונג האט איצט ארויסגעגע-בען הונדערטער אומזיסטע פּעסער פאר סוחרים, וואס ווילען איצט קומען צום פראגער יריד. עס בענייטיגט זיך אויך נישט מעהר קיין טשעכישע ווי-זעס, ווי באלד מען האט די מעסע-לעגיטימאציע, וועלכע מען קען בעקומען אין אלע רייזעביוראס.

אין טשעכאסלאוואקיי בעקומט מען אויף די באהנען 50 פּראָצענט הנחה. אין פוילען 33 פּראָצ. הנחה, אין אנדערע לענדער 25 פּראָצ.

אזוי פיל האבען מיר געהערט. און ווי עס ווייזט זיך ארוים רעכענט מען זיך איצט אין פראג אויף א גאנץ גרויסען עולם, וואס וועט קומען צום יריד.

א „פאַרלאַמענט אונטערוועגס" צי א „געריכט אונטערוועגס"?

[פון אונזער ספּעציעלען שליח]

י. וואל.

איך שטעל די פראגע פאר יעדען אבסערווא-טאר אויף דעם היייאהריגען ציוניסטישען קאנג-רעס. גלייך ווי איך האב זיך שוין נישט איינמאל אט די פראגע געשטעלט צו וואס זאל איך דאס פערהוילען, זעהר אפט בעקומט זיך דער איינדרוק, אז אייגענטליך זענען מיר נישט אנוועזענד אין דעם יודישען „פארלאמענט אונטערוועגס", ווי עס ווערט מיט רעכט, און איינקלאנג מיט זיין אינ-האלט, צילען און השיבות אנגערופען א ציוניסטי-שער קאנגרעס נאר — אויף דעם... יודישען „גע-ריכט אונטערוועגס".

אט דעם איינדרוק בעקומט מען נישט בלויז בשעת די פערהאנדלונגען פון דעם קאנגרעס-גע-ריכט, וועלכער איז נאך דער שטורמישער עפּאכע פון די לעצטע צייטען אויף דער ציוניסטישער גאס ממש בעשעפטיגט מיט ארבייט, און וועגען וועלכען מיר זענען טאקי אויסען דאס מאל צו שרייבען. אט דער איינדרוק פון „געריכט אונטערוועגס" בע-קומט זיך אויפ'ן קאנגרעס-זאל גופא, וועלכער גע-פינט זיך כמעט די גאנצע צייט, מיט קליינע הפ-סקות, אונטער'ן איינדרוק פון דעם טראגישען ארלאזאראוו-מאָרד און זעהר אפט הערשט אויף איהם די ליידענשאפטליכע, אנגעשטרענגטע גע-ריכטס-אטמאספערע.

אבער לאמיר דאס מאל לאזען צו-רוה דעם קאנגרעס-זאל (בפרט, אז ווען מיר שרייבען די שו-רות איז ווידער א הפסקה: און אריבערגעהן אינ'ם שטענדיגען געריכט-זאל פון דעם „רעפּרעזענטאציע-הויז" אין פראג, וואו עס אמטירט דאס געריכט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און וועלכער רופט ארויס מאָמענטענווייז ווי דאס איז כמעט נעבען, מעהר פּערזענליכען אינטערעס ווי דער קאנג-רעס-זאל גופא.

און מען מוז מודה זיין: דער געריכטס-זאל מאכט פאקטיש היי-יאהר א בעסערען רושם ווי דער קאנגרעס-זאל. עס איז גענוג אריינצוגעהן אינ'ם געריכט-זאל און דערשנאפּען די ערנסטע אטמאספערע, וואס הערשט דא. כדי דאס זאל מא-כען א רושם, און גוט וואס עס איז דא כאטש איין ווינקעל אין דעם קאנגרעס-בנין, וואו עס הערשט אנ'אטמאספערע פון ערנסטקייט. אויפריכטיגקייט און פעראנטוואָרטליכקייט און בעזונדערס קאמפּף-לאָזיגקייט, וואו מען זאל קענען אבשטעמען נאך א ביסעל קורצער צי לענגערען בעזוך אין דעם מיט פולווער-אנגעשטאפּטען קאנגרעס-זאל.

איך בין שוין געווען אויף עטליכע זיצונגען פון דעם ציוניסטישען געריכט, און כ'האלט אין נאכפרעגען ווען עס וועלען פאָרקומען ווייטער-דיגע געריכטען, ווייל איך פיהל, אז דא קומט נאך צו א בולטען אויסדרוק די ציוניסטישע פעראנט-וואָרטליכקייט און דער ציוניסטישער ערנסט.

דער ערשטער משפּט איז פארגעקומען צווי-שען א פארשטעהער פון דער ליגע אין ברישעל און א דייטשען רעוויזיאניסט, וועלכער איז דורך דער ליגע געשטעמפּעלט געוואָרען אין וואהל-מאטער-יאל אלס היטלעריסטישער שפּיצעל.

אמת, א שווערער און ביז גאר פּיינליכער משפּט. א יוד, א ציוניסט, ווערט בעשולדיגט אין אויפמערקזאם מאכען די היטלעריסטישע פּאליציי-אויטאריטעטען אויף יודישע טוערים. אין שווער און פּיינליך איז דאך דער משפּט אין יעדען פאל, סיי ווען די בעשולדיגונג איז א גרונדלאזע און סיי ווען זי איז א גערעכטע, ווייל אין ביידע פאלען האבען מיר צו טהון מיט יודען, ציוניסטען, און איינער האט דאך זיכער שווער פערשולדיגט.

דער אורטייל איז נאך נישט בעקאנט. עס דארפען נאך געוויסע אויספארשונגען געמאכט ווערען מכוח דעם ענין, אבער עס איז גענוג צו זעהן די ערנסטקייט, מיט וועלכער ביידע צדדים אפעריהרען מיט וואסער ארויסצוטרינקען ווילען מען שטעהט פאר דעם ציוניסטישען טריבונאל, כדי זיך ריינצוואשען פון די חשדים און בעשולדיגונ-גען.

נעכטען האט דאס געריכט ווייטער געהאט א סענסאציע: עס איז פארגעקומען א געריכט צווי-שען די צוויי זיך קעמפּענדע לידער, פון צוויי אויסגעשפּראָכענע געגנערישע לאגערען, צווישען זשאבאטינסקי'ן און בן-גוריון'ען. און ווידעראמאל איז נישט ווייטער דער סוף און אינהאלט — נאר דאס, אז סוף כל סוף געפינט זיך נאך א טריבונאל, וואס קען נאך צוזאמענפּראלען צוויי זיך אזוי ליידענשאפטליך-קעמפּענדע יודישע פיהרער, וואו ביידע זאלען פיהלען, אז זיי זענען פעראנטוואָרט-ליך פאר דער גאנצער ציוניסטישער בעוועגונג מיט זייערע מעשים און ארויסטריטען.

דאס מאל אבער איז די ערנסטע און רוהי-גע געריכטס - אטמאספערע עטליכע מאל גע-שטערט געוואָרען, פארט אזעלכע ליידענשאפטלי-כע געגנער און בעיקר איז די אטמאספערע גע-שטערט געוואָרען דורך דעם עולם פון ביידע לא-גערען, וואס האט פערפילט דעם גרויסען געריכטס זאל.

און כדי צו האלטען א געוויסע גלייכגעוויכט איז די ערנסטע אטמאספערע איינמאל געשטערט געוואָרען דורך א רעוויזיאניסט און דאס צווייטע מאל — אלס רעוואנזש דורך א לינקען, וועלכער האט געגעבען א רוף - אויס אויף זשאבאטינסקי'ן „קאמענדאנט". און עס וואלט זיכער געקומען צו גאנץ „ערנסטע קאמפּליקאציעס", ווען נישט דאס, וואס דאס איז געשעהען אינ'ם געריכטס-זאל און מען איז יוצא געווען מיט ארויסבעטען דעם לינ-קען צווישענרוף - מאכער פון'ם געריכטס-זאל.

אבער ווי בעגוד מיר האבען גערעדט אייניגע פּיינליכע מאמענטען אין דעם געריכט האבען מיר דערפאר אלס קאמפּענסאציע געהאט אויך עטליכע הייטערע מאמענטען, וועלכע מיר האבען צו פער-דאנקען דעם פּקחות'דיגען קאנגרעס - פּרעזידענט מאצקין, וועלכער האט פיל זין און פיהלט א שוואכקייט צו א וויץ, א גלייכווערטעל און ער איז גאר גרייט מקריב צו זיין די גאנצע ערנסטקייט פון דער קאנגרעס - טריבונע פאר א טרעפליכען וויץ.

עס איז אין דעם בן-גוריון - זשאבאטינסקי - געריכט געטראגען א גאנצער פּילאזאפישער גערעכנ-טער צוליב א געשריבען אויסדרוק אינ'ם „ראזס-וויעט" אויפ'ן סמך פון וועלכען די לינקע פיה-רער האבען אנגעקלאגט דעם „ראזסוויעט" פאר'ן קאנגרעס - געריכט. מאמענטענווייז האבען מיר גאר פערגעסען, אז מיר האבען דא צו טהון מיט א פּראצעס מיט א פּאלעמישען אינטערשלאק און מיר זענען געווען געצוואונגען צו גלויבען, אז מיר זע-נען אנוועזענד ביי א פילאזאפישען דיספּוט. מען רופט אלזא מאצקין'ען אלס עקספּערט. דער אל-טשעקישער און גוטמוטיגער מאצקין זיצט מיט א גאר ערנסטער מינע, ווי עס פאסט פאר אנ'עקס-פּערט, ביים ריכטער - טיש, אבער פון צייט צו צייט קאן ער פארט נישט גובר זיין זיין שוואכ-קייט, גיט א שפּרונג ארויס מיט א וויץ, וואס רופט ארויס א געלעכטער אין פערפולטען זאל.

דער שטרענגער געריכטס - פּרעזידענט ד"ר גראנעמאן פרעגט מאצקין'ען ווי אזוי וואלט ער געשריבען דעם זאץ, כדי צו דערגעהן זיין זין. און מאצקין גיט שמייכלענדיג אנ'ענטפער אב:

— איך שרייב שלעמאל זעהר דייטליך.

א צווייט מאל ווענדעט זיך צו איהם גראנעמאן מיט דער פראגע:

— וואס פאר א רושם וואלט אויף אייך גע-

(סוף אויף זייט 5)

די גוטע אויסזיכטען פאר די ארץ-ישראל-פאמעראנצען צום נייעם סעזאן

פינף און א האלבען מיליאן קעסטלעך פאמעראנצען וועט ארץ-ישראל ארויסשיקען היי-יאהר. — פארוואס וועט דייטשלאנד קויפען ארץ-ישראל-פאמעראנצען. — שטארקע רדיפות אויף די טוריסטען, וועלכע זענען פערבליבען אין לאנד.

(א בריף פון אונזער ארץ-ישראל-קארעספאנדענט ב. בארניק)

די וואך האט אפגעגעבען א בעריכט אין „קלוב פון פאמעראנצען-פלאנטאטארען" דער פלאנטאטאר ש. טולקאווסקי וועגען מצב פון ארץ-ישראל'דיגע פאמעראנצען און וועגען די אויסזיכטען אויפ'ן נאהענטסטען סעזאן.

— מיר האבען נאך נישט קיין שום געוויסען פלאן, — האט געזאגט ה' טולקאווסקי, — וועגען ארגאניזירען דעם טראנספארט פון פאמעראנצען דעם נאהענטסטען סעזאן, נאר איינס קאן מען בעשטעטיגען, אז אין דעם פערגאנגענעם סעזאן האבען די ארץ-ישראל'דיגע פאמעראנצען אבגעהאלטען א גרויסען זיג און די פאמעראנצען פון שפאניען האבען געליטען א גרויסע מפלה, און אלין דערפאר, ווייל זיי האבען ארויסגעשיקט שלעכטע סחורה. אונזערע פאמעראנצען האבען בעקומען א גוטען שם אין דער גאנצער וועלט, אבער היי-יאהר גרייטען זיך די שפאנישע פלאנטאטארען אויסצוגעבען פופציג טויזענט פונט אויף פראפאגאנדע. חוץ דעם וועט די שפאנישע רעגירונג האבען א קאנטראל, אז עס זאלען ארויסגעשיקט ווערען נאר די בעסטע פאמעראנצען. דערפאר דארף אונזער ענטפער זיין צו שיקען נאר די בעסטע פאמעראנצען און צו שיקען די שיפען מיט א סדר, עס זאל נישט אנקומען צופיל פאמעראנצען אין א האפען מיט איין מאל.

לויט דער מיינונג פון ה' טולקאווסקי, דארף מען נישט האפען היי-יאהר אויף גאר „נעזאל-צענע" פרייזען, אבער צוליב דעם פאלען פון פונט זענען מיר קאנקורענץ-פעהיג און די פרייזען וועלען זיין פעסטע.

בנוגע דעם טראנספארט פון פאמעראנצען קיין דייטשלאנד, האט טולקאווסקי געזאגט, אז ווי עס חייזט-אויס, האט די דייטשע רעגירונג גארנישט בדעה אויפצוהערען צו נעהמען פאמעראנצען פון ארץ-ישראל, הויפטזעכליך דערפאר, וואס דייטשלאנד האט א בשותפות'דיגע שיפס-פערקעהר-געזעלשאפט מיט שוועדען „דייטשע ליעוואנטע ליניע", וועלכע האט אנגעמאכט מיט די ארץ-ישראל'דיגע אימפארט- און עקספארט-געזעלשאפטען צו ברענגען סחורות דורך דייטשע שיפען, און דערפאר זאלען זיי אבקויפען פאמעראנצען, און דאס וויל די דייטשע רעגירונג איצט נישט אונטערברעכען.

היי-יאהר, — האט ה' טולקאווסקי ווייטער ערקלערט, — וועלען מיר ארויסשיקען פינף און א האלבען מיליאן קעסטלעך פאמעראנצען, און דאך איז נישטא קיין שום מורא, אז מיר זאלען ווי נישט קאנען אבזעצען אויפ'ן וועלט-מארק, דערפאר, ווייל אונזערע פאמעראנצען זענען ערשטקלאסיגע און ווערען רייף אום ווינטער, בעת די פאמעראנצען פון איטאליע, שפאניע און אנדערע לענדער ווערען ס'רוב רייף אין זומער. אויך דארף מען האפען, אז אין צעהן יאהר ארום וועלען אנהויבען צו עסען פאמעראנצען די פעלקער, פאר וועלכע דיזאזינגע פרי איז היינט בלויז א חלום. ביז היינט זענען די הויפט-אבנעהמער פון פאמעראנצען געווען: ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד. איצט האט שוין אויך טערקיי אנגעהויבען צו געברויכען פאמעראנצען, און אפילו רוסלאנד האט שוין פאראיאהרען געקויפט א גרעסערען טראנספארט פאמעראנצען אין ארץ-ישראל. מיט דער צייט וועט זיכער אויך אנהויבען צו קויפען פאמעראנצען אין גרעסערע קוואנטומס פוילען, טשעכיען און אנדערע אייראפעאישע מדינות. מיר דארפען אויך זען פאר ענגלאנד, און דעמאלט וועלען די ארץ-ישראל'דיגע פאמעראנצען קאנען קאנקורירען מיט די שפאנישע.

מען דארף נישט פערגעסען, אז ביים היינטיגען טאג זענען נאך פאראן 280 מיליאן מענשען אין אייראפא, וואס עסען נישט אונזערע ארץ-ישראל'דיגע פאמעראנצען.

• עס ווערען אויך געלעגט גרויסע האפנונגען, אז קאנאדא זאל היי-יאהר קויפען א גרויסען קוואנטום פאמעראנצען, כאטש די טראנזאקציע וועט אנטרעפען אויף א סך שוועריגקייטען, דער עיקר, ווייל דער דאלאר איז לעצטענס ווידער געפאלען.

דערצו זענען פערפלאנצט געווארען גרייסערע שטחים מיט „גרעיפפרוכט" (א בעסערער סארט פאמעראנצען), וואס קאסט נאך זעהר טייער און די דאקטוירים אין אייראפא ראטען איהם צו עסען, ווייל ער האט אין זיך א סך וויטאמינען.

„דערפאר — האבען אויסגעפיהרט די, וואס האבען גענומען אנטייל אין שמועס, וועלכען ה' טולקאווסקי האט איינגעארדענט אין „קלוב פון פלאנטאטארען" — דארפען מיר זיך פאר גאר נישט שרעקען און ווייטער פערפלאנצען די פרייע האפען, אז עס וועט בטל ווערען דאס צאל-גנע-שטחים. עס מוז אבער רעגולירט ווערען דער טראנספארט און טאר זיך נישט מעהר געפינען אין די הענד פון די, וועלכע זארגען נישט, אז די ארץ-ישראל'דיגע פאמעראנצען זאלען בעקומען א גוטען נאמען אויפ'ן וועלט-מארק".

די ארץ-ישראל-רעגירונג האט לעצטענס אנגעהויבען שטארק צו רודפ'ן די טוריסטען, וועלכע זענען פערבליבען אין לאנד.

• צעהנטליגער פאליציי-אגענטען דרעהען זיך ארום איבער די קאפע-הייזער און רעסטאראנען פון חיפה, ירושלים און תל-אביב, און ביי יעדען פרעמדען מענש, וואס קומט זיי אויס אויפפאלענד, פאדערן זיי פאפירען. א סך פאליציי-אגענטען טראגען ביי זיך ארום פאטאגראפיעס פון די פערזאנען, וועלכע ווערען געזוכט פון דער פאליציי, ווייל זיי זענען אריינגעקומען אין לאנד אריין אלס טוריסטען און זענען שוין פערבליבען אין לאנד. עס איז אפילו די וואך געשעהן א פאל, וואס האט אויפגערודערט דעם גאנצען יידישען ישוב:

די פאליציי האט געכאפט א בחור פון דייטשלאנד, וועלכער איז אריינגעקומען אין לאנד אריין אלס טוריסט, און איהם דווקא געוואלט אבשיקען קיין דייטשלאנד. דער בחור האט ערקלערט, אז אזוי ווי ער וועט נאר אנקומען קיין דייטשלאנד, וועט מען איהם זיכער ארעסטירען און זיין פערמעגען האבען די היטלעריסטען שוין קאנפיסקירט. דערפאר בעט ער אזיל-רעכט אלס פאליטישער עמיגראנט. די א"י-רעגירונג האט, לנאך שווערער מיה, ערלויבט דעם טוריסט צו פערבלייבען אין לאנד, נאר איהם געשטעלט א תנאי, אז ער טאר נישט זוכען קיין ארבייט אין לאנד, נאר ער מוז לעבען פון זיינע אייגענע קאפיטאלען...

דערהאזיגער פאל האט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג אין גאנצען יידישען ישוב.

געשטארבען בעקאנטער יודישער פינאנסיסט איז פאריז

פאריז (יט"), אין עלטער פון 72 יאהר איז ריס בלאך, א ייד, וועלכער האט פערנומען דעם חאָ געשטארבען דער בעקאנטער פינאנסיסט מאז הייבען אומט פון פאהזיצער פון „קלירינג הויז".

געשטארבען א בעריהמטער יודישער מעדיקער

פאריז (יש"א) אין עלטער פון 92 יאהר איז געשטארבען דער בעריהמטער יודישער מעדיצינער זשאהוש הייעם, נעזו. פרעזידענט פון דער מעדיצינישער אקאדעמיע אין פאריז.

א. לעד

דינסט-מיידלעד

(נייער שפאנענדער ראמאן פונ'ם יודישען לעבען אין פוילען)

קיצור פון ראמאן

פאר די לעזער, וואס האבען ביז איצט נישט געלייענט דעם ראמאן גיבען מיר א קיצור פון די ביזאיצטיגע קאפיטלען:

אין רבי'נס הויף זענען זיך יעדעם שבת צונויפגעפאהרען די רייכסטע חסידים. עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז מען געהט חתונה מאכען דעם רבי'נס יונגסטען זוהן, לייבעלע.

צווישען די גרעסטע חסידים האט זיך אויך געפינען דער רייכער בעל-גוף ר' ברוך לייזער, אנ'עלטערער מענש מיט געזונדענע פייצעס און ביי אנ'אבליעט.

ר' ברוך לייזער איז געווען א פרומער ייד און אין הויף האט מען איהם שטארק פאווארוזירט, כדי ביי איהם ארויסצוקריגען וואס מעהר געלד...

אין הויף איז געווען א דינסט-מיידעל, ביילטשע האט זי געהייסען, א 18-יעהריג שיין מיידעל. האט ר' ברוך לייזער געווארפען אויף איהר אנ'אויג און פערשפרייט ארום איהר א נעץ.

יעדעם שבת, בעת ער האט שפאצירט היכטער'ן שטאדטעל, האט ער צופעליג בעגעגענט ביילטשע'ן. מיט זיסע ווערטעלעך האט ער איהר איינגערעדט, אז ער וויל העלפען איהר ארימען טאטען. ער טהוט עס — האט ער פערזיכערט — נאר ווייל זיין אידער הארץ דיקטירט עס איהם און ער איז, חלילה, גארנישט אויסען.... ער האט זיך אבגעשמועסט מיט ביילטשע'ן זי זאל ארויסקומען אויפ'ן פעלד שבת-צו-נאכטס — וועט ער איהר געבען געלד.

ביילטשע האט געגלויבט און איז געקומען צו דער בעשטימטער מינוט. דער רייכער בעל-גוף האט זיך גענומען צו איהר טשעפען און צוגעזאגט גאלדענע גליקען. אזוי ווי ביילטשע האט זיך נישט געלאזט פאנגען, האט ר' ברוך לייזער קיין געלד נישט געגעבען, נאר ער האט כסדר צוגעזאגט.....

אויף ביילטשע'ן האט אויך געווארפען אנ'אויג לייבעלע דעם רבי'נס, וועלכער האט אויך אנגעהויבען וועבען א פלאן ווי אזוי זיך צו דערקלייבען מיט ביילטשע'ס שעהנער פיגור.

דער הויף איז געווען ארומגעריגעלט מיט סודות, אינטריגעס און פליאטקעס.

אינ'ם הויף האבען געוואוינט אלע קינדער און קינדס-קינדער. ווי דער שטייגער, האבען זיך געשאפען עטליכע גרופען, וועלכע האבען זיך גענגענזייטיג בעקעמפט. מען האט זיך פיינד געהאט, מען האט געפליאטקעט און מען האט געגען זיך אינטריגירט.

וואונדערבאר שיין איז געווען דעם רבי'נס אייניקעל, די 16-יעהריגע עטיל. מען האט געשמועסט, אז עטיל איז א גרויסע צדיקת, אז מיט איהר פרומקייט וועט זי איבערשטייגען אלע רבי'שע קינדער.

נאר עטיל איז גארנישט געווען פרום. פערקעהרט, עטיל האט געלייענט, בסודי-סודות, אפיקורסישע ביכלעך און אין איהר האט געברענט א לוסט צום לעבען.

נישט האבענדיג קיין געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט מאנס-לייט, האט עטיל געזוכט אנדערע וועגען זיך אויסצושטורמען.

יעדע נאכט פלעגט זי אריינקומען צו ביילטשע'ן אין קיך און זיך צו איהר טוליען. עטיל פלעגט פיעשטשען ביילטשע'ס לייב און זי קושען, ווי מען קושט א געליבטע...

עטיל האט זיך מודה געווען, אז זי איז פערליבט אינ'ם ישיבה-בחור פישל גארטאלינער.

פאר ביילטשע איז דאס געווען א שלעכטע בשורה, ווייל אויך זי, ביילטשע, איז געווען פערליבט אין פישל'ען. זיי ביידע טרעפען זיך עפעס ביינאכט מיט פישל'ען היכטער'ן שטעדטעל. עטיל וויל זיך איהם ערקלערען אין ליבע, נאר זי איז נישט דרייסט.

די רביצין האט זיך אבער דערוואוסט, אז עטיל האט זיך געטראפען מיט פישל'ען שפעט ביינאכט, בעשליסט זי נישט צו מאכען קיין סקאנדאל. כדי עטיל זאל זיין ווייט פון פישל'ען ווערט זי „פערשיקט" קיין ווארשא צום רבי'נס קרובים.

אין דער זעלבער צייט איז אויך די רבי'צין אוועקגעפאהרען אויף 2 טעג קיין ווארשא. די געלעגענהייט נוצט אויס חנה רבי'נס יונגסטער זוהן לייבעלע כדי צו פאנגען ביילטשע'ן.

לייבעלע חנה רבי'נס איז געווען א בחור מיט א סך טעמפעראמענט. נאר אזוי ווי ער האט זיך נישט געקענט דערווארטען, אז מען זאל איהם חתונה מאכען, האט ער זיך גענומען צו ביילטשע'ן...

איינמאל, ווען די רביצין איז געפאהרען קיין ווארשא, איז לייבעלע אריינגעקומען אין קיך צו ביילטשע'ן און... איז געווארען איהר געליבטער.

זייט דאן פלעגט ער קומען יעדע נאכט און כאטש ביילטשע האט איהם נישט ליב געהאט, דאך האט זי אין זיך שטאלצירט, וואס לייבעלע חנה רבי'נס איז איהר געליבטער.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען צו פאהרען ר' ברוך לייזער און פערנארט ביילטשע'ן צו זיך אין האטעל-ציממער. מיט כח האט ער זי געוואלט צווינגען זי זאל זיך איהם אבגעבען. זי האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ארעמס און איז געלאפען א היים.

דערווייל האט זיך דאס גאנצע שטעדטעל דערוואוסט, אז זי איז געווען אין האטעל. מען האט איהר אנגעהויבען בערעדען און זי האט זיך מודה געווען פאר דער רבי'צין, אז ר' ברוך לייזער האט איהר פארנארט.

זייענדיג קאמפראמיטירט, האט ביילטשע געוואלט אוועקפאהרען פון שטעדטעל.

(פארזעצונג 20).

די רביצין האט אבער מיט פערשידענע רייד געפרובט אויף מיר ווירקען, אז כ'זאל מיך אבזאגען פון פלאן און נישט אוועקפאהרען.

פארוואס זי שטעלט זיך אזוי שטארק איין, פארוואס עס געהט איהר אזוי אין לעבען כ'זאל בלייבען אין הויף, האב איך דאמאלט נישט פערשטאנען.

פערשטאנען האב איך עס ערשט אין א צייט ארום. גאנץ פשוט: זי האט מורא געהאט, אז אויב איך וועל זיין אין דער פרעמד, וועל איך דערצעהלען די סודות פון הויף און הויפטזעכליך, אויף דעם בעסטען חסיד ר' ברוך לייזער.

נאר לאמיר דערצעהלען ווייטער:

די רביצין האט אויף מיר געווירקט און כאטש מען האט מיין נאמען ארומגעשלעפט אין אלע רינשטאקען, ביז איך ווייטער געבליבען.

אבער זייט דאמאלט האט זיך פאר מיר אנגעהויבען א שווער לעבען.

די ישיבה-בחורים האבען אנגעהויבען קריגען התיצפות. די פאנטאזיעס האבען זיך ביי זיי צעשפילט און עס האט זיך זיי אנגעהויבען האכמען, אז אויב איך בין שוין יא אמאל איינע, אויב כ'קריך שוין יא אין א האטעל אריין, פארוואס זאלען זיי נאך נישט גע-גיסען?..

א מייל האבען עס מורא געהאט אריבערצופיהרען, אנדערע האבען דערפאר געזוכט געלעגענהייטען מיך צו פארכאפען אין א שטיל ווינקעל.

קודם-כל האט זיך צו מיר א נעהם געטהון פייוועל מעודימשער. אלס דעמעקטיוו פון הויף פלעגט ער גאנץ אפט ארויסקומען אין שטוב.

דאסמאל איז ער ארויסגעקומען מיט א תירוץ: די רביצין האט איהם געהייסען געבען ברויט מיט טיי.. כ'האב געוואוסט, אז ער געניסט פון א ספעציעלען זכות, האב איך איהם דערלאנגט א שטיק ברויט מיט א מעפעל טיי.

חוץ ער איז געזעסען און געקייט האב איך איהם רעכט נישט אנגעקוקט. בשעת-מעשה האב איך איהם אין הארצען געווינשען, אז ער זאל דערחארגעט ווערען מיט'ן ביסען.

נאר ווי כ'האב מיך נישט אומגעקוקט אויף איהם, האב איך געפיהלט, אז ער פרעסט מיך מיט די אויגען. ער האט געביסען דאס ברויט און געקנאקט מיט די ציינער, און עס האט מיר אויס דערנערווירט.

איך בין געזעסען ביים פענסטער און זיך פערריכט א פאר זאקען. הער איך ווי ער גיט א זאג:

— וואס דערצעהלט מען עפעס אין שטעהטעל, אז....

האב איך זיך אפילו נישט אומגעקוקט און ווי נישט צו איהם, האב איך געענטפערט:

— זאל מען דערצעהלען. וואס געהט עס מיך אן — וואס מעגט שען דערצעהלען?

— מאר וועמען דען זאל עס אינטערעסירען, מיך? — האט ער א שמייכלען לאך געטהון.

—ואז מיך גזהרט על נישט. האלט עס דיך אויך נישט אנגעהן

— האב איך איהם א שמאך געטהון.

— כ'פרעג סתם אזוי. אויב מען קלינגט, איז חגא.

— פאר מיינעטוועגען קענסטו איינגעהמען שטימעניש. — בין איך שוין ארויס פון די כלים.

— פארוואס קומט מיך צו שעלטען?

— ווייל דו ביזט נישט בעסער פאר אנדערע.

— וואס האב איך דיר געטהון, כ'טאר נישט איבערפרעגען?

— וועד בעט די זאלסט מיך איבערפרעגען? מען גיט דיך צו פרעסען, פרעס.

— זעהט נאר ווי זי וואהסט זיך האט אזוי אויף מיר.

— געווים. דו ביזט עפעס מיינס גלייכען? ווי קומסטו מיך צו פרעגען? א ישיבה בחור דארף נישט רעדען מיט קיין מיידעל, ער טאר זיך אפילו מיט איהר נישט געפינען אין איין שטוב.

— אוהא, זאגסט מיר שוין מוסר אויך? שען דערלעבט. בין ווען אן איז עס א בעוועם א מבין אויף בריליאנטען?

דאס האט ער מיר געזאגט אזא שמאך. דער בעוזים. האט בין איך און דער בריליאנט — ער.

האב איך געוואלט אין יענעם מאמענט כאפען א וואלגערהאלץ און איהם א וואורף טהון. נאר כ'האב זיך אליין געפרובט בערוהיגען: ביילטשע — האב איך זיך אליין געזאגט — צו וואס טויג עס דיר? צו וואס ברייסטו האבען פרישע שונאים און ער זאל ארומגעהן זוכען אויף דיר אנ'עבירה?

האב איך נישט געענטפערט און האב מיר געטהון מיין ארבייט.

ווען ער האט אבגעפרעסען, הויבט ער זיך אויף, האט אפילו נישט געבענטשט, נאר גיט א זאג:

— גלויב מיר, אז כ'האב דיך אפילו נישט געוואלט, חלילה, בעליידיגען. עס איז נישט מיין מידה. ס'קען זיין, אז כ'האב מיך ארויסגעכאפט מיט א ווארט, בעט איך דיך זאלסט נישט זיין בעס אויף מיר.

(פארזעצונג קומט).

די גרינדונג פון דער יודענשטאאטס-פארטיי

ערקלערונג פון די פארטיי-ארגאניזאטארען און פיהרער

אויף דער קאנפערענץ, וועלכע איז אבגעהאל-טען געווארען בשעת דעם 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס אין פראג, האט דער זאנדערפערבאנד פון די ציוניסטען - רעוויזיאניסטען בעשלאסען אויפצולעזען זיין פערבינדונג מיט דער אוניאן פון די ציוניסטען - רעוויזיאניסטען און צוצונעהמען דעם נאמען „יודענשטאאטס - פארטיי" (איגוד הצה"ר).

דערמיט איז די געשאפענע לאגע צוליב דעם קריזיס אין רעוויזיאניזם אויפגעקלערט געווא-רען.

דער דאזיגער בעשלוס האט אבער נישט בלויז דעם דאזיגען צוועק. ער איז אויך אנ'ענטפער דעם קאנגרעס, וועמענס פערלויף מוז אלע עהר-ליכע ציוניסטען אנפילען מיט טרויער. דער קאנ-גרעס, וועלכער האט זיך אין דער צייט פון דער גרעסטער יודען - נויט און פון דעם דראנג פון די יודישע מאסען קיין ארץ-ישראל ארויסגעוויזען אלס אומפעהיג דורכצופיהרען די ציוניסטישע לע-זונג פון דער יודען - פראגע, צו פערוואלטען מיט מעהאר הערצל'ס ירושה.

אין דער שווערער ענטשיידענער צייט פון די יודען - פערפאלגונגען אין דייטשלאנד און פון דער בעדראהונג פונ'ם אויפבוי פון דער יודישער נאציאנאלער היים דורך אנ'אנטי - ציוניסטישע פאליטיק פון דער מאנדאטאר - מאכט איז דער קאנגרעס געווארען אנ'אינסטרומענט, וועלכער דינט דעם דראנג צו מאכט פון איין פארטיי, ער איז געווארען הערונטערגעדריקט צו א מכשיר פאר דער אונבערעכענבארער גרופע פון קלאסען - קעמפער און איהרע נאכלויפער.

דיקטאטור — חשק דא און דארטען, אונ-טערשלאגנהייט און צענטרום. דאס איז דאס בילד פון דעם קאנגרעס, דאס מאכט גרויס זארג יעדען ערליכען און דענקענדען ציוניסט.

מיר רופען צום צוזאמענשלוס די יעניגע, וועלכע ווילען דעם דאזיגען צושטאנד נישט לענ-גער פערהיטען און קענען איהם נישט פערטרא-גען.

פול מיט גייסט פון טעאדאר הערצל, בע-קענט זיך אונזער פארטיי, היינט ווי פריהער, צו פאלגענדע גרונדזאצען:

די פארטיי אנערקענט אין ציוניזם די שטרע-בונג צו דער שאפונג פון א יודישער מדינה אין איהרע היסטארישע גרענעצען, וואס הייסט א זעלבסטפערוואלטענדע געמיינשאפט מיט א יודי-שער בעפעלקערונגס - מעהרהייט.

די פארטיי איז אנ'אינטעגרירענדער בע-שטאנדטייל פון דער ציוניסטישער וועלט - אר-גאניזאציע. זי וויל די דאזיגע ארגאניזאציע נישט אויפרייסען און נישט פערלאזען. זי וויל זי פון דאס ניי בעגייסטערען מיט דעם יודענשטאאטס-געדאנק. זי וויל די פולע כחווערטיגקייט פון דער ארגאניזאציע און פון קאנגרעס, וועלכע איז אבגע-געשוואכט געווארען דורך דעם ארייננעהמען נישט ציוניסטישע עלעמענטען אין דער לייטונג פון דער דזשואיש אייגענסי, ווידער צוריקשטעלען.

די פארטיי בעקענט זיך צו די יסודות פון דעמאקראטיע. זי ווארפט אב מיט דער גרעסטער ענטשלאסענקייט די דיקטאטור, סיי די דיקטא-טור פון קלאסען, סיי די דיקטאטור פון פארטייען אדער פון פערזאנען.

די פארטיי שטיצט אויף דעם יסוד פון דעם פרימאט פון דעם נאציאנאלען אינטערעס - גע-דאנק איבער אלערליי אנדערע אינטערעסען. ארויס-געהענדיג פון דעם שטאנדפונקט, אז דער יודענ-שטאאט מוז געשאפען ווערען פון אלע יודען און דורך אלע יודען, ווארפט די פארטיי אב אלע שטרעבונגען, וועלכע קענען ערשיטערען די נא-ציאנאלע סאלידאריטעט. זי ווארפט אב די ווירט-שאפטליכע בעגינסטיגונג פון א וועלכען נישט-איז קלאס אדער פארטיי. זי ווארפט קודם כל אב די אידעאלאגיע פון קלאסען - קאמף, ווייל די דא-זיגע אידעאלאגיע מאכט אוממעגליך דעם שלום, וועלכער איז נויטווענדיג פאר דעם צוזאמענעה-מען פון אלע יודישע קרעפטען פאר דעם אויפבוי פון דער יודישער מדינה אין א"י.

די פארטיי שטעלט זיך פאר א הויפט-אויפ-גאבע צו ערציהען די יוגענד אין הערצל'ס גייסט און צו נאציאנאלער דיסציפלין, אבהיטען די יו-גענד פאר דער אבנארעריי פון דער אסימילאציע און פאר קאמפס - מעטאדען, וועלכע זענען פרעמד דעם יודישען גייסט.

אין פאליטישער הינזיכט שטרעבט די פארטיי אויסצוווירקען א מאנדאט - געמיינשאפט פון דער ארץ-ישראל - רעגירונג, וועלכע זאל זיין אנגע-ווענדעט אויף דער איינארדנונג פון די יודען אין זייער היימלאנד. זי שטרעבט צו דערפיהרען צו א פאליטיק פון דער רעגירונג, וועמענס גרונדזאץ איז די אקטיווע אונטערשטיצונג און פערזי-כערונג פון דעם יודישען אויפבוי אין ארץ-ישראל. די פארטיי פאדערט די זיכערונג פון דעם יודי-שען ישוב אין ארץ-ישראל דורך שאפען יודישע פארמאציעס אין דער פאליציי, אין דער זשאנדאר-מעריע און אין דער ארמעע.

אין ווירטשאפטליכער בעציהונג וועט די דא-זיגע פארטיי שטרעבען אזעלכע אינסטיטוציעס צו שאפען אדער צו אונטערשטיצען, וועלכע זאלען דינען פאר דער אריבערפיהרונג פון יודישען קא-פיטאל, פון יודישער ארבייטס - קראפט און פון יודישען אונטערנעהמונגס-גייסט.

די פארטיי בעקענט זיך צו דעם גרונדזאץ פון יודישער ארבייט אין ארץ-ישראל, אויף דעם יסוד פון סאציאלער גערעכטיגקייט.

אין נאמען פון דער קאנפערענץ:

מ. גראסמאן, ד"ר מאכאווער,
ד"ר מאסקין, אינזש. שטריקער.

פראג, דעם 29 אויגוסט 1933.

ווארשאווער בערזע

אין דער פינאנץ-וועלט הערשט איצט א גע-וואלדיגע ירידה פון פונט און דאלאר. די צוויי מלוכות פיהרען צווישען זיך א שטארקע וואלוטע-קאמף, וועלכער וועט נאך גאנץ לאנג דויערן. דער-ווייל איז שוין דער דאלאר געפאלען ביז 620 און דעם פונט וויל מען געמעליך נישט קויפען! אויף אויף דער וואלוטען-בערזע איז שוין ניו-יארק גע-פאלען ביז 6.21, קאבעל 6.22, אין לאנדאן 28.18 (דאס איז דער נידריגסטער קורס אויף דער גאנ-צער וועלט). ביי אנ'אומזאץ אין די צוויי טעג פון א האלבען מיליאן זל. האט מען נאך געהאנדעלט מיט בערלין 213.12, בעלגיען 124.75, דאנציג 173.80, האלאנד 360, פאריז 25.03, פראג 26.51, שטאקהאלם 146, ציריך 172.70, איטאליען 47, פריוואט-דייטשע מארקען 211.70, עסטרייכישע שילינג 100, טשעכישע קראנען 25.50, טשערווא-ניעץ 1.05, גאלד-רובל 4.73, גאלד-דאלאר 9.03, זילבער נישט געענדערט.

אויף דער ערשטער שבת'דיגער זמיגר-בערזע האט אויך געהערשט א זעהר שוואכע שטימונג אין אלע פראצענט-פאפירען. בוי-הלוואה 38,25, האלאנדבקע 46.75 (נאך דער ציהונג גאנץ שוואך) אינוועסטיציע 104.25, 6 פראצ. דאלאר-הלוואה פון 60 ביז 57.75, סטאביליזאציע פון 51.50 ביז 50.88, 10 פראצ. באהן-הלוואה 103.50, דילאן שלאנסק און מאגיסטראט אהן אבגעשניטענער, 8 פראצ. בוי-אבליג. פון ב. ג. ק. 1 עמיסיע. 93, 4 און א האלב פראצ. זיעמסקע 45, 8 פראצ. זשעמסקע 40.50, 7 פראצ. זשעמסקע דאלאראווע 500-ער 40.75, 4 און א האלב פראצ. ווארש. 52, 5 פראצ. ווארש. 58.25, 8 פראצ. ווארש. 42.75, 8 פראצ. לובלינער 36.25, פיאטריקאווער 1000.38-ער 38,75 רעגנטע 49, 8 פראצ. לאדזשער 41, 10 פראצ. שעד-לעצער 37, 5 און א האלב פראצ. ווארש. אבליג. 38, 6 פראצ. ווארש. אבליג. 6 עמ. 40.50, 8 און 9 עמ. 38.75.

אקציעס. באנק פאלסקי 83.50, ליליפאפ 11.50 מאדזיעיוב 3.50.

תבואה-בערזע. ביי אנ'אומזאץ פון 1276 טאן אין דעם 434 טאן קארן האט מען ביליגער נאטירט ווייצען-מעהל נייער „פאזשאלעדניע" 23—18 און בעסטער גלמיישטער ווייץ 20.500—20. די רעשט נישט געענדערט.

דורכפאל פון לייפציגער מעסע

פון א בעטליבטער פערזאן, וואס האט זיך די טעג אומגעקעהרט פון דייטשלאנד, ווערען מיר געוואויר, אז די פאראויסזאגונגען בנוגע דעם דורכפאל פון דער לייפציגער מעסע זענען מקוים געווארען. דאס היטלעריסטישע דייטשלאנד הייבט שוין אן ערנסט צו שפירען די פאלגען פון באי-קאט. אויף דער לייפציגער מעסע הערשט א גרוי-סער שטילשטאנד, עס זענען געקומען זעהר ווע-ניג סוחרים, די האטעלען פוסטעווען. אין אלגע-מיין הערשט אין לייפציג א טרויעריגע שטימונג צוליב דעם פולשטענדיגען דורכפאל פון דער מעסע.

פארוואס שווייגען זיינע קרובים?

דער אלטער גרייז-גרויער איטשע מאיר ווערטהיים, א קוזין פון גערער רבי'ן מוז נעכטיגען אין ציריק און געהט אויס פון הונגער

ווען מען האט נישט קיין מזל איז גלייכער, אז מען ווערט נישט געבוירען — אזוי זאגט א פאלקס ווערטעל.

דאס איז געפאסט געווארען אויף דעם גרייז-גרויען חסידישען יוד ר' איטשע מאיר ווערטהיים וועלכער הייסט נאכ'ן חידושי הרים, און דעם חידושי-הרים'ס אייניקעל און א לייבליך שוועס-טער-קינד פון היינטיגען גערער רבי'ן.

דער דאזיגער עלטערער חסידישער יוד, וועל-כער איז געבוירען און הערצויגען געווארען אויף דעם גערער הויף, האט נישט קיין מזל, ער וואל-גערט זיך שוין ארום 9 יאהר צייט. לעצטענס שלאפט ער אפילו אין „ציריק".

פאר דעם דאזיגען יוד איז שוין קיין אנדער ארט וואו צו שלאפען נישט פאראן, נאר אין „ציריק" צווישען די גרעסטע אויסווארפען, גנבים און פערברעכער. מיר ווילען דא איבערגעבען די טרויעריגע געשיכטע פון דעם יוד, הקן יחסן און בן-גדולים.

נאכדעם ווי דאס ערשטע ווייב זיינס איז גע-שטארבען, האט ער חתונה געהאט מיט א צווייטער פרוי — חנה קאליקאוו הייסט זי (נאלעווקי 9), וועלכע האט אויף יענעם הויף דארט א שעהן שפייז-געוועלב.

אין אבער די צרה, וואס דאס ווייב זיינס האט קינדער פון איהר ערשטען מאן. אזוי לאנג ווי די שטיף - קינדער זענען געווען קליין האט ר' איטשע מאיר פון זיי געהאט קליינע צרות, אבער ווען די קינדער זענען אויפגעוואקסען, האט ער אנגעהויבען פון זיי צו ליידען די אמת'ע געברענ-טע צרות. עס פלעגען טאג - טעגליך פארקומען סקאנדאלען צווישען איהם מיט די קינדער, וועל-כע האבען סוף כל סוף אין א שעהנעם פריהמאר-גען ארויסגעווארפען ר' איטשע מאיר'ן פון שטוב.

ר' איטשע מאיר האט זיין ווייב און איה-רע קינדער ארויסגערופען אין ראבינאט אריין, וואו מען האט איהם צוגע'פסק'נט 200 דאלאר. זיין ווייב מיט די קינדער לאכען זיך אבער אויס פון פסק און ווילען נישט געבען קיין פרוטה.

זינט 9 יאהר איז דער ראבינאט פול מיט די דין-תורות פון ר' איטשע מאיר'ן מיט זיין ווייב און קינדער. צו די סקאנדאלען, וואס דויערן שוין די גאנצע צייט נעהמט נישט קיין סוף. עס איז בפירוש א רחמנות צוצוקוקען ווי אזוי דער עלטע-רער חסידישער יוד פלאגט זיך ארום. אבער נישט בלויז זיין ווייב מיט די שטיף-קינדער ווי-לען פון איהם נישט וויסען און לאזען איהם אויס-געהן פון הונגער, עס ווילען פון איהם אויך נישט וויסען זיינע קרובים.

גאנצע 9 יאהר צייט געהט ער ארום איבער אלע ווארשאווער אינסטיטוציעס. ער ווייזט יעדען איינעם דעם פאס בריף, וואס ער האט פון די גרעסטע רבנים און חביים, הערונטער פון זיינע געשוועסטער - קינדער הרב ר' משה בצלאל, דעם געוועזענעם רבינ'ס ברודער און הרב ר' יעקב מאיר בידערמאן, דעם געוועזענעם רבינ'ס שוועהר און שוואגער. אין די דאזיגע בריף בעטען זיי, אז מען זאל בייהילפיג זיין דעם עלטערען קרוב זייערען און איהם גרינגער מאכען זיין שווער לעבען.

קיינער וויל אבער איהם נישט העלפען. געהט ער בייענאכט אין „ציריק" אריין שלאפען און דאנקט דער-ביי גאט, וואס ער האט כאטש די פאר גראשען צו בעצאהלען פאר'ן נאכטלעגער צווישען גנבים.

געכאפט דעם מערדער פון מאשטשיסק

וואס האט ערמארדעט א יודישע פרוי און איהר טאכטער

לעמבערג (טעלעפאניש).

מיט עטליכע טעג צוריק האבען מיר געמאל-דען, אז אין מאשטשיסק איז אויף א בעסטיאלי-שען אופן ערמארדעט געווארען די יודישע פרוי שלאה מיט איהר 27-יעהריגער טאכטער.

נאך גרויסע מיה איז ענדליך געלונגען דעם מערדער צו כאפען. ער הייסט טאדעאוש זיך און האט זיך שוין מודה געווען צום פערברעכען.

קומענדע וואך וועט ער, וואהרשיינליך, גע-שטעלט ווערען פאר א שטאנד - געריכט אין פשע-מישל.

דער מערדער דערצעהלט, אז אין דער נאכט ווען ער האט אויסגעפיהרט דעם מארד, איז ער אריין צו דער פאמיליע שלאה און האט זיך פער-שטעקט אין פאדער - צימער. ווען פרוי שלאה איז אנגעקומען פון גאס, האט ער איהר מיט א האק געשלאגען איבער'ן קאפ. און א צייט ארום איז אנ-געקומען איהר טאכטער און מיט דער זעלבער האק האט ער אויך זי ערמארדעט.

אויף דער פראגע פארוואס ער האט דאס גע-טהון, האט דער מערדער געענטפערט, אז ער האט זיי געוואלט בערויבען, אבער נאכ'ן אויספיהרען דעם מארד האט ער זיך דערשראקען און נישט גע-נומען קיין געלט.

לעצטע התראה צו די פוטער-סוחרים, וואס ברעכען דעם באיקאט פון דייטשע סחורות

די ידיעה, וואס האט זיך בעוויזען אין דער פריערכע וועגען דעם, אז די פוטער - בראנזשע איז די איינציגע, וואס ברעכט די יודישע סאלידארי-טעט, אנהאלטענדיג ווייטער האנדעלס - בעצי-הונגען מיט דייטשע פירמעס, האט אין די סוחרי-שע קרייזען ארויסגערופען א גרויס פערביטערונג.

איבערהויפט אבער האט זיך דערפון געפילט געטראפען די מעהרהייט סאלידע פוטער-סוחרים.

צוויי טעג נאכאנאנד זענען פארגעקומען שטורמישע זיצונגען פון דער פוטער - סעקציע ביים סוחרים - פעראיין, אויף וועלכע דער דאזי-גער ענין איז אלזייטיג בעהאנדעלט געווארען. עס שטעלט זיך ארויס, אז די מעהרהייט פוטער-סוח-רים איז א געזעלשאפטליך - בעוואוסטזיניגער עלעמענט, וואס פערשטעהט דעם געבאט פון דער שעה און ווענדעט אן אנ'ענטשיידענעם באיקאט אויף די היטלעריסטישע סחורות. עס איז אבער פאראן א גאנץ קליינע צאהל פוטער - סוחרים, וואס ברעכט ליידער די יודישע סאלידאריטעט, פיהרענדיג געשעפטען מיט די היטלער-רוצחים.

עס איז דעריבער בעשלאסען געווארען צו גע-בען די דאזיגע אחדות - ברעכער אנ'ענדגילטיגע התראה, אז זיי זאלען איבעררייסען אלע האנדעלס-בעציהונגען מיט די היטלער - תליינים, אין פערקעהרטען פאל וועט מען זייערע נעמען פערעפענט-ליכען, שטעלענדיג זיי צום שאנד - סלופ פאר דער יודישער עפענטליכקייט.

א „פארלאמענט אונטערוועגס" צי א „געריכט אונטערוועגס"?

(סוף פון זייט 3)

מאכט דער ארטיקעל, ווען זשאבאטינסקי וואלט איהם אויך פארגעלייענט?

מאצקין קלערט נישט לאנג און ענטפערט אב:

— מיין גורל איז שוין אזעלכער, אז תמיד לייענט מען עמיצ'ער פאר...

פערפאלגען, דאס מאל האט זיך אויך דער שטרענגער דאקטאר גראנעמאן נישט געקאנט איינהאלטען און א שמייכעל האט זיך צעגאסען אויף זיין קיילעכדיג, קאלט און „אפיציעל" גע-זיכט.

דאס געריכט האט זיך געענדיגט מיט גענוג-גענדע מוסר - ווערטער אויפ'ן חשבון פונ'ם „ראזסוויעט". אבער ווער האט דען געוואוסט די פעראנטווארטליכקייט צום [פסק-דין]? די גאנצע פעראנטווארטליכקייט איז געווענדעט געווארען לגבי דעם אייגענארטיגען דועל צווישען די צוויי פיה-רער און רעדנער, בפרט, ווען דאס איז געווען די ערשטע רעדע פון זשאבאטינסקי'ן פאר דער עפענטליכקייט בשעת דעם היינטיגען קאנגרעס.

דער עולם האט אויך נישט אויפגעהערט צו וויצלען און חכמה'נען זיך אויפ'ן חשבון פון דעם געריכט. מען זאגט: דאס איז דאס ערשטע מאל און אפשר אויך דאס לעצטע מאל בשעת דעם היינטיגען קאנגרעס, וואס בן-גוריון מיט זשאבא-טינסקי'ן זיצען ביי איין טיש...

ווער האט געוואונען די 40 טויזענד דאלאר?

פרייטאג האט מען געצויגען די דאלארבקע און עס זענען ארויס פאלגענדע נומערען:

40.000 דאלאר 1392937.
8.000 דאלאר 1310510
צו 3.000 דאלאר 1363, 702, 381658 850623

צו 1.000 דאלאר: 811565, 198128, 1465239, 747127, 1269788.

צו 500 דאלאר: 37588, 947627, 1057909, 1196567, 462275, 788807, 1479433, 275689, 865027, 1100575.

צו 100 דאלאר: 48484, 1317565, 756365, 827343, 684286, 1184363, 1402587, 617040, 1224174, 135035, 77610, 516807, 484628, 1003573, 269657, 924754, 928181, 591952, 365826, 979217, 217013, 899217, 1319436, 701380, 496138, 666004, 1269728, 611215, 196041, 951367, 64294, 932739, 1499434, 683316, 1233061, 486624, 605414, 189519, 691330, 1397709, 1195639, 1346257, 770267, 1145190, 439443, 90795, 1408475, 399781, 258654, 1499140, 1068334, 834497, 1142535, 294380, 414061, 465357, 124341, 451177, 615493, 994690, 493994, 503625, 529649, 12251, 2391, 634831, 458845, 70771, 686669, 125455, 936313, 739027, 1017933, 1417219, 1251676, 1060845.

8 באנדיטען מיט מעסער אין די הענד

זענען בעפאלען, בערויבט און צעשטאכען

א יודישען סוחר צווישען פאלעניץ און מיענדזעשין

(א) אנ'אומגעהויער־דרייסטער באנדיטען־אנפאל איז פערגאנגענע נאכט אויסגעפיהרט געוואָרען צווישען פאלעניץ און מיענדזעשין אויף דעם בעקאנטען יודישען סוחר און אייגענטימער פון דער גרויסער וויללע אין מיענדזעשין ה' אברהם קאראלעוויטש.

דער דערמאָהנטער ה' קאראלעוויטש איז ארום האלב צוועלף ביינאכט צוריקגעגאנגען פון פאלע־ניץ צו זיך אהיים אין מיענדזעשין. ווען ער האט זיך געפונען אין וועלדעל נעבען דער אויפגעהויב־נער „באלאגע", האט ער פלוצלונג דערהערט טריט פון לויפענדע מענשען, ווי מען וואלט איהם גע־יאגט. באלד האט ער דערהערט א שטרענג גע־שריי „סטאָי!"

לכתחילה האט ער געמיינט, אז דאס איז פא־ליציי. ער האט זיך דעריבער אָבגעשטעלט. ווען די נאכיאגער זענען אָבער צוגעקומען נעהנטער, האט ער דערזעהען פאר זיך א באנדע פון עטליכע מאן מיט ריזיגע מעסערס אין די הענד.

זעהענדיג, אז ער האט דא צו טהון מיט א באנדיטען־אנפאל אויף איהם, האט ה' קאראלע־וויטש אנגעהויבען מיט אלע כחות אנטלויפען און וואס גיכער זיך דערנעהנטערען צו מיענדזעשין.

די באנדיטען האבען איהם אָבער כמעט גע־יאגט און אנ'אויסגעשעפטען פון אלע כחות, אין דעם פינסטערען וועלדעל געכאפט.

8 באנדיטען מיט ריזיגע שארפע שפרינגמע־סערס אין די הענד האבען איהם פון אלע זייטען ארומגערינגעלט און דאס ערשטע איז געווען: „זשיד, גיב אוועק דאס גאנצע געלד, אויב נישט — ווערסטו דא אויפ'ן ארט דער'הרג'עט!"

קאראלעוויטש האט ארויסגענומען פון די טאשען 28 זלאָטעס קליין־געלד און ערקלערט, אז דאס איז זיין גאנץ פערמעגען, וואס ער האט ביי זיך און ער גיט עס אוועק אבי בלייבען לעבען.

די אויסוואורפען האבען דאס געלד צוגענומען אָבער דעם קרבן נישט בעפרייט.

דער אנפיהרער פון דער באנדע האט בעפויה־לען: „די הענד אין דער הויך"! און עס האט זיך אנגעהויבען א סחרה פון בעזונדערע און דעם אומגליקליכען נישט זשאלעוען דערוויל קיין קלעפ אין עגויים.

קאראלעוויטש האט געמאכט אנגעוואלד און אנגעהויבען רופען פאליציי. די באנדיטען האבען איהם דאן אריינגעשטעקט 6 מעסערס אין פלייצע, נאקען און ברוסט־קאסטען.

דער אומגליקליכער איז אוועקגעפאלען אין א קאלוזשע בלוט.

די רוצחים האבען דאן ארויסגעצויגען פון זיין בוזעם־טאש דעם פארטפעל מיט א גרעסערער סומע געלד, וועקסלען, און דאקומענטען און זענען נעלם געוואָרען.

אויף די הילפס־רופען און קרעכצען פון דעם צעשטאכענעם, זענען אין א קורצער צייט אהער אנגעלאָפען עטליכע מענשען, וועלכע האבען דעם אומגליקליכען באלד אריינגעבראכט צום דאָקטאָר אין פאלעניץ ווי אויך אלארמירט די פאליציי.

די גאנצע פאליציי פון פאלעניץ און דער גאנ־צער סביבה איז תיכף געשטעלט געוואָרען אויף די פיס כדי צו כאפען די באנדיטען.

לויט דער שילדערונג פון דעם קרבן איז שפעט ביינאכט ארעסטירט געוואָרען אין מיכא־לין, אין א זייטיגער פערוואָרפענער כאטקע, דער אנפיהרער פון דער גאנצע באנדע מיכאל ווימאן. ער איז תיכף געשמידט געוואָרען אין קייטען און אבגעפיהרט געוואָרען אין ארעסט.

די פאליציי איז שוין אויך אויף די שפורען פון די איבעריגע אנטייל־נעהמער פון דער באנדע.

ווידער אנ'אנפאל אויף פרייזינגערס בוכהאנדלונג אויף שוו. קושיסקא

ארעסטירט דעם ענדעקישען בוליגאן האוער

מיר האבען שוין געשמועסט געשריבען וועגען דעם אנפאל, וואס ענדעקישע בוליגאנעס האבען אויסגעפיהרט אויף יעקב פרייזינגער'ס בוכהאנד־לונג „ווימאנגוויא" אויף שוו. קושיסקא 19. די בוליגאנעס האבען דאָרט אויסגעהאקט 2 גרויסע שויפענסטער־שויבען. איינער פון די בוליגאנעס איז ארעסטירט געוואָרען.

ווי עס איז צו זעהן, האבען די ענדעקישע בוליגאנעס בעשלאָסען נקמה־צונעהמען פאר זייער עהרענקענטיגען דורכפאל, ווייל נעכטען איז ווידער אויסגעפיהרט געוואָרען אנ'אנפאל אויף ה' פריי־זינגערס ביכהאנדלונג.

פארנאכט איז אין דער דערמאָנטער ביכהאנד־לונג אריינגעוואָרפען געוואָרען א פלאש מיט א רייסענדער פליסיגקייט, וואס האט געזאלט אנמאַ־כען א חורבן אין'ם שויפענסטער. די געפאהר איז בייצייטענס אויסגעמיטען געוואָרען.

דער וואָרפער איז ארעסטירט. דאס איז דער בעקאנטער ענדעקישער בוליגאן וואצלאוו האוער, וועלכער האט שוין אויף זיך עטליכע פראצעסען פאר ארויסרופען אוואנטורעס.

ביי שטוהל־פערשטאָפונג, פערדייאונגס־שטערונגען, ברענונג אין מאגען, בלוט־רוישען, קאפ־שמערצען, ביי פיהלען זיך שלעכט, דארף מען נעהמען יעדען אינ־דערפריה אויפ'ן ניכטערען מאגען א גלאז נאטיר־ליך ביטער־וואסער Franciszka Józefa רעקאמענדירט דורך דאקטוירים.

בע'גנב'עט שטיקגאלד'ס לאטעריע־קאנטאר

נעכטען אינדערפריה האבען זיך גנבים אריינ־בעקומען אין דעם לאטעריע־קאנטאר פון בער־נארד שטיקגאלד (זשאבי'א 9) און ארויסגענומ־מען פון דארט עטליכע צעהנדליג לאסען, 300 זלא־טע־רובלס, פערשיעדענע אויסלענדישע מטבעות און ווערטפולע חפצים אויף דער אלגעמיינער סו־מע פון 4.000 זלאָטעס.

די גנבה איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף אזא אופן: אינדערפריה איז אינ'ם געשעפט געקו־מען א קריסטין, וועלכע רוימט־אויף און א גע־וויסען מאמענט איז די קריסטין ארוים אויפ'ן הויף, פערשליסענדיג די טהיר בלויז אויף איין שליסעל.

דעם דאָזיגען מאמענט האבען אויסגענוצט גנ־בים, וועלכע האבען, אהן בעזונדערע שוועריגקיי־טען, אויפגעריגעלט און אויסגעפיהרט דאס „שטיקעל ארבייט".

ווארשאווער יודישער שניידער־ארבייטער וויל נישט ווערען א קאמוניסטישער דעפוטאט

די קאנצעלאריע פונ'ם סיים־מארשאלעק האט צוגעשיקט א בריף צו דעם ווארשאווער יודישען שניידער־ארבייטער סענדער קאנעל, אז צוליב דעם, וואס דער קאמוניסטישער דעפוטאט ספיטשאק איז אנטלאָפען און ער איז געוואָרען אויס דעפוטאט, איז ער, סענדער קאנעל, דער צווייטער אויף דער ליסטע נאך ספיטשאק'ן, געוואָרען דעפוטאט.

סענדער קאנעל האט אָבער באלד געענטפערט מיט א בריף צום סיים־מארשאלעק, אז ער זאגט זיך אָב אנצונעהמען דעם דעפוטאטען־מאנדאט.

ווער עס וועט איצט ווערען דעפוטאט אויף קאנעל'ס ארט — ווייסט מען נישט. דאס ארט איז דערווייל פריי.

א דאנק וועמען האט ה' ראזוואסער אוועקגעשענקט

דער ווארשאווער קהלה זיין גאנץ פערמעגען

די לעצטע טעג טומעלט זיך אין ווארשא ווע־גען דעם געשאנק וואס עס האט בעקומען די ווארשאווער קהלה אין דער ווערט פון העכער א מיל־יאן זלאָטעס. עס איז די געשיכטע פון דער דאזי־גער מיליאנען־מתנה.

דער ה' סטאניסלאוו ראזוואסער וועלכער האט מיט דער קהלה געשלאָסען די טראנזאקציע איז היינט אלט 76 יאהר. 47 יאהר איז ער געווען וויצע־דירעקטאר פון דער פינאנץ־אבטיילונג פון דער ווארשאווער באהן־דירעקציע און לעצטענס איז ער איבערגעגאנגען אין עמעריטור.

ער האט געלעבט גאנץ שפארזאם און איז געקומען צו א ריזען־פערמעגען. ער בעזיצט א גרויס הויז אויף מילנא 3, 32 מארגעס פלאץ אין מארגובעק, 37 מארגעס פלאץ אין יאראסלאוו ווי אויך די שווידערער פלאזשע.

נאך דעם ווי די פרוי זיינע איז געשטארבען און ער איז געבליבען איינזאם (מיט די זיהן זיינע האט ער נישט גוט געלעבט) האט ער זיך געווענ־דעט צום רעדאקטאר צבי פרילוצקי ער זאל איהם געבען אנ'עצה, וואס ער זאל טהון מיט דעם פער־מעגען?

רעדאקטאר פרילוצקי האט איהם געראטען, ער זאל דאס פערמעגען אוועקשענקען דער ווארש־שאווער קהלה. גלייכצייטיג האט רעד. פרילוצקי וועגען דעם געמאלדען דעם ראבער פעלדשטיין. עס האבען זיך מיט דעם ענין אויך פעראינטערעסירט דער פרעזעס מאזור און וויצע־פרעזעס לעווענער.

ה' ראזוואסער האט אין אנפאנג נישט גע־וואלט מאכען די טראנזאקציע, ווייל ער האט נישט קיין צוטרוי צו די היינטיגע בעלי־הבתים פון דער קהלה. אָבער נאך דעם, ווי עס האט איהם שטארק צוגערעדט דער פראזעס. שוין האט ה' ראזוואסער מסכים געווען.

פאר די מתנה, וואס האבען א ווערט פון העכער א מיליאן זלאטעס בעקומט ה' ראזוואסער 2 טויזענד זלאטעס א חודש פענסיע ווי לאנג ער וועט לעבען. ער בעקומט א אומזיסטע קרקע און די קהלה איז זיך האן מתחייב צו געבען 100 טויזענד זלאטעס אויפ'ן יודאיסטישען איסטיטוט ביי דער טלאמאצקער סינאגאגע.

די קינדער ווילען אָבער נישט שלום מאכען מיט דעם געשאנק און פרובען נאך מיט פערשידע־נע מיטלען צוריק צו בעקומען דאס פערמעגען.

צי איז דאס אמת?

אז דער דאזאר און ראטמאן עלענבערג האנדעלט מיט'ן היטלעריסטישען דייטשלאנד

נישט איינמאל האבען מיר שוין געשריבען וועגען יודישע פירמעס, וועלכע שטעלען העכער זייערע פערדינסטען פון די יודישע אינטערעסען און האנדלען אפען מיט היטלעריסטישע פירמעס.

ווי ערשטוינט זענען מיר געוואָרען בעת בע־גלויבטע מענשען האבען אונז די טעג געמאלדען אז א געוועזענער מיטגליד פון קאמיטעט צו בע־קעמפען היטלער'ן, דער ציוניסטישער ראטמאן דאזאר מ. עלענבערג אליין האט נאך ביז א'צט נישט איבערגעריסען זיינע געשעפטען מיט'ן היט־לעריסטישען דייטשלאנד.

אין די סאמע לעצטע טעג האט ה' עלענבערג, וועלכער האט צוזאמען מיט זיין ברודער א גרויס געשעפט מיט עלעקטראטעכנישע צוזאמען, בעקו־מען סחורה פון דייטשלאנד.

בעת מען האט דעם ברודער פון ראטמאן און דאזאר עלענבערג אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם דאזיגען אונגעוועהנליכען פאקט, האט ה' עלענבערג געזאגט א פוילען תירוץ, אז עס קומט איהם געלד פון לאנג ביי די דייטשע פאבריקאנטען אָבער לויט ווי אונזער אינפארמאטאר גיט אונז איבער, האט ער ביי דער פירמע געבראכט עלענ־בערג געזעהען א רעכנונג דאטירט פון 16 אויגוסט ה. י. פון דער מינכענער פירמע נויבערגער.

מיר מיינען, אז דער ה' עלענבערג וועט אויפ־קלערען דעם דאזיגען ענין, ווייל עס איז פשוט אומגלויבליך, אז אזא אנגעזעהענער געזעלשאפטלי־כער מהוהר און ציוניסט ווי ה' עלענבערג זאל שטיצען פיהרען מסחרים מיט'ן רוצחישען היטלער.

פאר א שטרייק פון די קהלה־בעאמטע

צוליב דעם וואס די קהלה איז שולדיג די בעאמטע און ארבייטער פאר 3 חדשים געהאלט האט דער פעראיין פון די קהלה־בעאמטע גערופען אויף זונטאג 8 אין אווענד אין גרויסען קהלה־זאל, אנ' אלגעמיינע פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער.

היות די שטימונג איז זעהר א געררייצטע איז מעגליך אז די אלגעמיינע פערזאמלונג זאל פראקל־אמירען א אלגעמיינעם שטרייק.

פון די יודישע שולען

דער שול־סעזאָן איז אין פולען ברען. אויך אויף דער יודיש־שול־גאָס לאזט זיך פיהלען א שטארקע בעוועגונג. חוץ די פיל געזעלשאפטליכע שולען זענען צום נייעם שול־יאהר טעטיג אויך א ריהע פריוואטע שולען, וואס ווערען אנגעפיהרט דורך טיכטיגע פעדאגאגען און לעהרער. אין ראַ־יאָן פון גזשיבאָוו־גראָניטשנא איז טעטיג איינע פון די בעסטע יודישע פריוואט־שולען, וואס גע־הערט צום בעקאנטען פעדאגאג ה' א. בארענשטיין (טוואַרדאַ 7). די שולע פון ה' בארענשטיין קען באמת גילטען אלס א מוסטער־שולע. דער לאָקאל איז א פרעכטיגער, א גרויסער, מיט אלע נייעסטע מאָדערנסטע איינריכטונגען. די לעהרע און ערצי־הונג איז אוועקגעשטעלט אויפ'ן בעסטען אופן און ווערט אנגעפיהרט דורך א ריהע קוואליפיצירטע, ערשטקלאסיגע פעדאגאגישע קרעפטען, אונטער דער אנפיהרונג פון ה' בארענשטיין. א בעזונדערע אכט ווערט געלעגט אויף די העברעאישע לימו־דים, וואס ווערען געלערנט אין א גרויסער מאס, אזוי, אז די שולע פערדינט די גרעסטע אויפמערק־זאמקייט.

די הויך־שולען אין ארץ־ישראל

אין דער העלפט אָקטאבער הייסט פון וואַרשאַ אָב־פאָהרען די ערשטע גרופע אקאדעמיקער, וועלכע זיי־נען אנגענומען געוואָרען אויף די הויך־שולען אין ארץ־ישראל. די איינשרייבונגען צו דער דאָזיגער גרו־פע נעהמט אן דאס אקאדעמישע אינפארם. ביוראָ (אויף פלאץ זשעלאזני בראמי 6), וועלכעס ארבייט־אויס פאר די אקאדעמיקער אלע נויטיגע דאקומענטען ווי אויך הנחה־בילעטען און אומזיסטע טראנזיט־וויזעס. צו דער גרופע קאן מען זיך איינשליסען ביז'ן 1־טען אָקטאָ־בער.

דאס אק. ביוראָ איז אויך מודיע, אז ס'איז נאך פאראן א מעגליכקייט אנגענומען צו ווערען אויפן אקאדעמישען יאהר 1933/4 אויף די ארץ־ישראל'דיגע הויך־שולען. מען מוז אָבער באלד אריינשיקען די פאפירען צום דערמאָהנטען ביוראָ, ווייל אין קורצען ענדיגט זיך דער טערמין פון די איינשרייבונגען.

שול־קולט שולע א. נ. שלום־אש

די שלום־אש־שולע אין וואַרשאַ איז צום נייעם שול־יאהר איבערגעטראגען געוואָרען אין א נייעם לאָ־קאל אויף גענשא 14.

א דאנק דער אנשטרענגונג פון דער פערוו. פון דער וואַרש. אבט. איז געלונגען אויסצובויען דעם נייעם שול־לאָקאל לויט אלע פעדאגאגישע און סאניטע־רע פאָדערונגען. אלע צימערן זענען גרויסע און זו־ניגע.

א חוץ אלע געווענליכע לימודים, וועלכע עס פערפלי־כטעט דער מדוכת־פראגראם, ווערט אין דער שלום־אש־שולע אויך געלערנט יודיש, העברעאיש און תנ"ך.

עס ווערען נאך אנגענומען שילער אין ערשטען, צווייטען, פירטען און פינפטען קלאס. איינשרייבונגען קומען פאר יעדען טאג פון 10 ביז 3 פארמיטאג אין ביוראָ פון שול־קולט גענשא 14.

יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון אגודת החזנים

זונטאג דעם 10־טען סעפטעמבער ה. י. קומט פאר די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון „אגודת החזנים", וואס וועט אויסוועהלען א נייע פערוואלטונג, וואס דארף בעשטעטיגען די טעטיגקייט פון „אגודת־החזנים" און פערזענליכען דעם פלאן פון ארויסגעבען א פראָ־פעסיאנעלען ארגאן. דער דאָזיגער ארגאן וועט האבען דעם צוועק צו בעהאנדלען אלע אנגעווייטאגטע פראַ־גען פון החזנים און חזנות.

צווישען אנדערע וועט אויך בעטראכט ווערען דער פאָרשלאג צו גרינדען אנ'אונטערשטיצונגס־קאסע פאר ארימע און פאַרגעזעהנע חברים.

עס ליגט דעריבער אין אינטערעס פון אלע חזנים און בעלי־תפלות אנטיילצונעהמען מאסענהאפט אין דער דאָזיגער ערשטער יעהרליכער אלגעמיינער פערזאמלונג. די וועלכע וועלען נישט פערלירען זייער שטים־רעכט, דארפען זיך רעגיסטרירען פון 3־טען סעפטעמבער יעדען אָוונט פון 8—10 אין לאָקאל פון דער שולע פון ה' י. סיגעלמאן, שוו. יעזרסקא 22.

ביליגע פרייזען אין באד־אנשטאלט מיראנאוו 12

(איינגאנג דורכ'ן טויער)

דאס בעוואוסטע באד־אנשטאלט אויף מי־ראנאוו 12 האט נעהמענדיג אין אכט דעם קריזיס ביליגער געמאכט די פרייזען פון וואנעס און שוויץ־באד, כדי צו געבען א מעגליכקייט די יו־דישע מאסען צו געניסען פון די בעדער.

הייל־אנשטאלט פאר ברוכליידענדע
ראדיקאלע הילף און לאנגיעהריגע פראקטיק
דער איינציגער ספעציאליסט צו פערריכטען
געפעהרליכסטע און שווערסטע
ברוכליידען
קינדער און פרויען ווען איהר האט שוין אלע באנדאַ־זשען אויספראבירט און זאגאר ביי אויסלענדישע ספע־ציאליסטען און דאקטוירען רעקאמירטע און אפעראציעס האבען נישט געהאָלפען, זאלט איהר נישט פערלירען די האפנונג. איהר האט ביי מיר א זיכערע היילונג, פא־טענטירט 1209 און פריווילעגירט 7896 פון געזונד־הייטס־אמט 1205. בראָשורען גראטיס אויף פאָדערונג אומזיסט
Sz. Kohn, Warszawa, Soznowa 13

גרויסער עפענטליכער משפט איבער פאלשע משיחים ביי יודען

אין זאל פון וואַרשאווער שטאדט־ראט

דער פעראיין פון יודישע ליטעראטען און זשורנא־ליסטען אין ווארשא, טלאמאצקע 13 ארדענט איין דינסטאג דעם 5 סעפטעמבער, זייגער 9 אווענד, אין זאל פון ווארשאווער שטאדט־ראט א גרויסען עפענטליכען משפט איבער פאלשע משיחים ביי יודען א. נ. „צי זענען מאקי שבתי צבי און יעקב פראנק געווען משיחי השקר?"

דעם פארזיץ פון געריכט וועט פיהרען דער בע־קאנטער היסטאריקער און געלערנטער פראפ. דר. מאיר באלאבאן. אלס הויפט־אנקלעגער טרעט ארויס — רעד. ש. י. סטופניצקי, אלס הויפט־פערטיידיגער — לאזא פינקעלשטיין. אלס עקספערטען וועלען ארויסטרעטען: ד. ב. מארקין, הלל צייטלין, פראפ. עדמונד שטיין, אהרן צייטלין און דר. יצחק שיפער.

עס וועט אויך ארויסטרעטען א פארשטעהער פון דער אדוואקאטור. עס האבען זיך שוין פערשריבען זעהר פיל עדות פון פובליקום.

די הויפט־טעזיסען פון דער דאזיגער העכסט־אינטערעסאנטער געריכטס־פערהאנדלונג וועלען זיין פאלגענ־דע:

פאליטישע קאטאסטראפעס און משיחישע האפנונ־גען. — ווען א פאלק ברעכט זיך אין צער. — פאלשע און פערטויבטע משיחים. — שבתי צבי און ברוך ספי־נאזא. — מיסטיק און עראטיק. — שבתי און שרה. — יעקב פראנק און ר' ישראל בעש"ט. — אויסוואס און יאהרען דער צוויימער. — אויסטערלישע און בעקענטעניסע שגעון. — מינים־אויפקלערונג און מאסען־עקסטאזע. — ווען א פאלק בלאנדזשעט ...

אין צוזאמענהאנג מיט דער לעצטער שוידערליכער קאטאסטראפע פון די דייטשע יודען און מיט די פער־שידענע „עצות", וואס ווערען ארויסגערוקט פון פער־שידענע זייטען — האט דער דערמאָהנטער עפענטליכער משפט ארויסגערופען אגעוואלדיגען אינטערעס.

בילעטען צו ביליגע פרייזען שוין צו בעקומען אין קאסע פון פעראיין, וועלכע איז אפען פון 10 פריה ביז 11 אווענד.

שטורמישע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע פון שיקען אַ קאָמיסיע

אויסצופאָרשען די טעטיגקייט פון די רעוויזיאָניסטען אין א״י

פּראַג 31 (יט״א) היינט נאָכמיטאָג איז גע-
עפענט געוואָרען א פּלענאַר-זיצונג פון קאָנגרעס.
עפענענדיג די זיצונג, האָט לעאָ מאָצקין אין
נאָמען פון קאָנגרעס און פון א. ק. בעטראַכט אין
א קורצער רעדע דעם אַטענטאַט פון ערמאָרדעטען
פּראָפ. לעסינג.

דער הויזינער אַקט פון טעראָר האָט לעאָ מאָצ-
קין ערקלערט, איז נאָך איין בולטער בעווייז, ווי
טראַגיש עס איז די לאַגע פון די יודען אין דייטש-
לאַנד און ווי הויזינער עס איז, אַז מיר זאָלען
פאָרזעצען דעם קאַמף פאַר זיכערן די רעכט פון
די דייטשע יודען.

נאָכ'ן בעערדיגען פּראָפ. לעסינג'ס אָנדענק גיהט
דער קאָנגרעס אַריבער צו דער בעהאַנדלונג פון
דער פראַגע אויף דער טאָגעס-אָרדנונג.

אויף דער טאָגעס-אָרדנונג-זיצונג איז ענדליך גע-
קומען צו דער לאַנג-ערוואַרטעטער דיסקוסיע
אַרום דער פראַגע וועגען שיקען אָדער נישט-שי-
קען קיין א״י אַן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, וואָס
זאָל אויספאָרשען די טעטיגקייט פון דער דאָר-
טיגער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי.

צוליב דעם געוואַלדיגען אינטערעס, וואָס דער
פּונקט פון דער טאָגעס-אָרדנונג האָט אַרויסגערופען,
איז דער קאָנגרעס-זאַל געווען פול-געפּאַקט. צוליב
דער מורא פאַר שטורמישע אינצידענטען איז ביי
יעדער טיר פון קאָנגרעס-זאַל געשטעלט געוואָרען
א טאָפּעלטע וואַך.

די רעזאָלוציע פון א. ק. האָט פּרעזידענט
מאָצקין פאָרגעלעזען אין דריי שפּראַכען. די אויס-
פאָרשונגס-קאָמיסיע פון א. ק. רעקאָמענדירט אין
איהר רעזאָלוציע צו שיקען קיין א״י אַן אונטער-
זוכונגס-קאָמיסיע, וועלכע זאָל בעשטימט ווערען
דורך דעם ניי-געוועהלטען אקציאָנס-קאָמיטעט די
אונטערזוכונגס-קאָמיסיע דאַרף אָבער איהר אַר-
ביים אין א״י פיהרען אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל
נישט בעאיינפלוסען דעם גאַנג פון דער געריכט-
לעכער ויספאָרשונג, וואָס ווערט געפיהרט דורך די
געריכטס-אינסטאַנצען פון דער א״י-מאַכט.

נאָכ'ן פאָרלעזען די רעזאָלוציע ערקלערט פּרע-
זידענט מאָצקין, אַז דער א. ק. האָט בעשלאָסען
נישט צוצולאָזען אויפ'ן פּלענום פון קאָנגרעס קיין
דיסקוסיע איבער דער פראַגע.

אין א 3-מינוטיגער רעדע האָט וול. זשאַבאָ-
טינסקי אַפּעלירט צום קאָנגרעס, יא צוצולאָזען א
דעבאַטע און פערזיכערט אין נאָמען פון זיין פראַק-
ציע, אַז פון איהר זייט וועט אַלץ געטהון ווערען,
אַז די דעבאַטע זאָל זיין א רוהיגע און זאַכליכע.

דער פאָרשלאַג פון וול. זשאַבאָטינסקי איז אָב-
געוואָרפען געוואָרען מיט א מעהרהייט פון 179 גע-
גען 70 שטימען.

דער פערלויף פון דער זיצונג איז געווען פאָל-
גענדער.

פּרעזידענט מאָצקין ערקלערט, אַז ער טרעט
צו פאָרצולעזען די רעזאָלוציע פון א. ק. און זאָגט.

„אַלס פּרעזידענט פון אקציאָנס-קאָמיטעט, האָב
איך דעם כבוד פאָרצושטעלען דעם קאָנגרעס פאָל-
גענדעס.

„אויף דער זיצונג פון א. ק., וואָס איז פאָרגע-
קומען פאַר'ן איצטיגען קאָנגרעס, האָט די אַרביי-
טער-גרופּע אַריינגעטראָגען בעשולדיגונגען נעגען
פערזאָנען אָדער א פּערזאָנען-גרופּע, וואָס געהערט
צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיגע פערזאָנען אָדער פערזאָנען-גרופּע
איז פאַרטשוואָרפען געוואָרען האָט פּראָפּאַגירען גע-
וואַלד-מיטלען צו פּאָליטישע צוועקען.

„דער א. ק. האָט זיך געזעהן גענויטיגט צו
בעשטימען א קאָמיסיע פון 6 פערזאָן אין פאָלגענ-
דען צוזאַמענשטעל: מ. מ. אוסישקין, דר. וויקטאָר
יאַקאָבסאָן, לעאָ מאָצקין, פּראָפ. בראָדעצקי, הרב
מאיר בערלין און דר. נחום גאָלדמאַן. דער דאָ-
זיגער קאָמיסיע איז אָנגעטרויט געוואָרען די אויס-
פאָרשונג פון דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט.

„ נאָכ'ן בעקענען זיך מיט'ן בעריכט פון דער
קאָמיסיע, וועלכען דער א. ק. האָט גענומען צו
קענטניש, האָט דער א. ק. בעשלאָסען פאָרצושלאָ-
גען דעם קאָנגרעס פאָלגענדע רעזאָלוציע — און
עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז די פאָרגעשלאָ-
גענע קאָמיסיע זאָל אויספאָרשען אַלע מאַטעריאַ-
לען אין דער אַנגעלעגענהייט. פון וועלכער זייט
זיי זאָלען איהר נישט פאָרגעבראַכט ווערען. די
רעזאָלוציע לויטעט:

דער 18-טער ציוניסטישער קאָנגרעס בע-
שליסט:

„דער ניי-געוועהלטער אקציאָנס-קאָמיטעט זאָל
אויף זיין ערשטער זיצונג שאַפען אַן אויספאָר-
שונגס-קאָמיסיע, וואָס זאָל אין א״י דורכפיהרען א
ברייטע און גרינדליכע אויספאָרשונג פון אַלע פאַק-
טען און מאַטעריאַלען, וואָס שטעהען אין שייכות
מיט די דערמאָנטע בעשולדיגונגען.

„די דאָזיגע קאָמיסיע וועט פאָרלעגען די רע-
זולטאַטען פון איהר אויספאָרשונג און איהרע
שטעלונג דעם אקציאָנס-קאָמיטעט, וועלכען
דער קאָנגרעס גיט די פולמאַכט אָנצונעהמען אַלע
מיטלען, כדי אויפ'ן ווירקזאַמסטען אופן — צו בע-
זייטיגען די דאָזיגע טענדענצען, אויב עס וועט זיך
אַרויסווייזען, אַז זיי עקזיסטירען, כדי צו מאַכען
א סוף צו די דאָזיגע טענדענצען און בעזייטיגען פון
דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די שולדיגען אָדער
פעראַנטוואָרטליכע.

„דער 18-טען ציוניסטישער קאָנגרעס גיט אי-
בער דעם א. ק. די קאָמיסיע, וואָס דער א. ק.
וועט נאָמינירען, אַלע אונטערזוכונגס-פולמאַכטען,
איינשליסענדיג דאָס אויסהערען עדות, דאָס פאַר-
לאַנגען די פאָרשטעלונג פון דאָקומענטען, — בכ-
לל אַלע קאָמפּעטענצען, מיט וועלכע עס דיספּאָ-
נירט דאָס ערהוען-געריכט פון ציוניסטישען קאָנג-
רעס".

פּרעזידענט מאָצקין ערקלערט נאָך לסוף:

„צום שלוס ערקלער איך אין נאָמען פון דער
קאָמיסיע פון 6, אַז די דאָזיגע קאָמיסיע איז גע-
ווען ווייט פון וועלען אַריינמישען זיך אויף א
וועלכען עס איז אופן אין דער אַרלאָזאָראָוו-טרא-
געדיע אָדער אין די בעשולדיגונגען, וואָס ווערען
בעטראַכט אין דעם שוועבענדען משפּט. איך בעט
דעם קאָנגרעס צו בעטראַכטען די דאָזיגע ערקלע-
רונג אַלס אויטענטיש".

נאָכ'ן פאָרלעזען די רעזאָלוציע און די צוגאָב-
ערקלערונג פון דער קאָמיסיע ערקלערט פּרעזידענט
מאָצקין, אַז אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון א. ק.
דאַרף איבער דער רעזאָלוציע נישט צוגעלאָזט ווע-
רען קיין דעבאַטע אויפ'ן פּלענום.

צום וואָרט מעלדעט זיך וול. זשאַבאָטינסקי,
וועלכער האַלט א קורצע 3 מינוט-דויערנדע רעדע,
אין משך פון וועלכער ער ערקלערט:

ווען פיל פון אונז זענען ערנסט בעזאָרגט אי-
בער דעם בעהאַנדעלטען ענין, דאַרף דער קאָנגרעס
נישט אָננעהמען קיין שום שריט, וואָס זאָלען שטע-
לען אין סכנה די פאָדערונגען פון דער מענשלי-
כער יוסטיץ, דער קאָנגרעס דאַרף זיך האַלטען אַן
א ריכטיגער פּראָצעדור. איך בעט דעם קאָנגרעס
צוצולאָזען א דעבאַטע איבער דער פראַגע. איך
פערזיכער אין נאָמען פון מיין פראַקציע, אַז פון
אונזער זייט וועט די דעבאַטע געפיהרט ווערען
איינגעהאַלטען און פאָרזיכטיג. איך גלויב, עס אויך
צו קענען פערזיכערען אין נאָמען פון אַלע איבריג-
פראַקציעס, איך אַפּעליר צום קאָנגרעס נישט צו
מאַכען קיין דורכבורך אין דעם פּרינציפּ, וואָס
איז הייליג אין אַלע פּאַרלאַמענטען.

זשאַבאָטינסקי'ס פאָרשלאַג ווערט געשטעלט צו
אָבשטימונג און ווערט אָבגעוואָרפען מיט דער שוין
דערמאָנטער שטימען-מעהרהייט.

אויפ'ן זאַל ענטשטעהט א געוואַלדיגער טומעל
וול. זשאַבאָטינסקי שלאָגט פאָר, אַז היות נישט
דער א. ק. און נישט דער קאָנגרעס האָבען זיך
נישט בעקענט מיט די מאַטעריאַלען, וועלכע עס
האָט פאַר זיך געהאַט די 6-קאָמיסיע, זאָלען די
דאָזיגע מאַטעריאַלען פאַרעפענטליכט ווערען דעם
קאָנגרעס.

דער טומעל אויפ'ן זאַל ווערט שטאַרקער.

זשאַבאָטינסקי שרייט פון דער טריבונע: „בלבול-
בלבול".

פּרעזידענט מאָצקין רעאַגירט דערויף און ער-
קלערט, אַז מען טאָר נישט אַבהיטען דעם כבוד פון קאָנג-
רעס, וועלכער איז די העכסטע אינסטיטוציע פון
פאָלק.

זשאַבאָטינסקי טראָגט דאָן אַריין א רעזאָ-
לוציע אין נאָמען פון דער רעוויזיאָניסטען-פראַק-
ציע.

איצחק. שטריקער (יודישע שטאַטס-פּאַרטיי)
פאָדערט, אַז די קאָנגרעס טריבונע זאָל זיך נישט
אונטערוואַרפען דעם דרוק פון א ברוטאַלער פאַר-
טיי-פּאָליטיק. דער רעדנער טראָגט אויך אַריין א
רעזאָלוציע אין נאָמען פון זיין גרופּע.

אַרום דר. שעכטמאַן בילדעט זיך אויפ'ן זאַל
א גרופּע, וועלכע שרייט „גיט די מאַטעריאַלען
אַהער".

פּרעזידענט מאָצקין וואַרפט צוריק די בע-
שולדיגונג פון דר. שעכטמאַן, אַז די קאָמיסיע האָט
זיך געריכטעט מיט „סוביעקטיווע היפּאָטעזען".
די רעוויזיאָניסטען, ערקלערט מאָצקין, זענען
אויפגעפאָדערט געוואָרען צו ברענגען זייערע בע-
ווייזען און מאַטעריאַלען, זיי האָבען זיך אָבער
דערפון אָבגעזאָגט און איצט ערקלערען זיי, אַז די
קאָמיסיע איז געווען איינזייטיג.

דער טומעל אין זאַל ווערט נאָך גרעסער. עס
הערען זיך געשרייען: „יוסטיץ-מאָרד".

עס ווערט געשטעלט צו אָבשטימונג דער
פאָרשלאַג וועגען צולאָזען א דעבאַטע. דער פאָר-
שלאַג ווערט אָבגעוואָרפען מיט דער שוין דער-
מאָנטער מעהרהייט פון 179 געגען 70 שטימען.

פאַר עפענען א דעבאַטע האָבען געשטימט די
רעוויזיאָניסטען און די מעהרהייט מזרחי-דעלעגאַ-
טען. די שטימען פון די אַלגעמיינע האָבען זיך
צעטיילט: די גרופּע פון גרינבוים-גראָסמאַן
האָט געשטימט מיט דער מעהרהייט, הר. ווייז —
מיט די רעוויזיאָניסטען.

דאַן ווערט געשטעלט צו אָבשטימונג די רע-
זאָלוציע פון א. ק. וועגען שיקען אַן אויספאָר-
שונגס-קאָמיסיע קיין א״י.

אין דער אָבשטימונג בעקומט די רעזאָלוציע
179 שטימען פאַר און 62 שטימען געגען.

וול. זשאַבאָטינסקי וויל זיך נאָכאַמאָל פאַר-
שרייבען צום וואָרט. פּרעזידענט מאָצקין ערלויבט
אָבער נישט און ערקלערט, אַז דער בעשלוס פון
א. ק. איז אָנגענומען און האָט בעקומען די געזעצ-
ליכע קראַפט.

עס ענטשטעהט ווידער א טומעל, וואָס דויערט
15—20 מינוט. פון די רעוויזיאָניסטען-בענק הערט
זיך א כאָר-געשריי „שקר, שקר".

זשאַבאָטינסקי שטעלט זיך אויף, הויבט אויף
די האַנד און רופט: „מיר שיקען א תל-חי-גרוס
אונזערע אומשולדיגע חברים אין א״י.

אויפ'ן זאַל בעווייזט זיך א קאָמיסאַר. צו קיין
אינצידענטען איז אָבער נישט געקומען.

פּרעזידענט מאָצקין שליסט די זיצונג און קינ-
דיגט אָן דעם נעכסטען פּלענום אויף 10 אַזייגער.

קערפּער פון פּראָפ. טעאָדאָר לעסינג

וועט איבערגעפיהרט ווערען קיין א״י

פּראַג 31 (יט״א). דער קערפּער פון ערמאָר-
דעטען פּראָפ. טעאָדאָר לעסינג וועט איבערגע-
פיהרט ווערען קיין א״י. ווי עס ווערט איבערגעגע-
בען, איז דאָס געווען דער לעצטער ווונש פון ער-
מאָרדעטען. די „פּועלי-ציון" האָבען זיך היינט גע-
ווענדעט צו דער אלמנה פון ערמאָרדעטען און
איהר ערקלערט, אַז זיי נעהמען איבער אויף זיך
אַליין, וואָס איז נויטיג צום אַריבערפיהרען דעם
קערפּער קיין א״י.

די לוויה פון ערמאָרדעטען אין מאַריענבאַד
וועט פאָרקומען זונטאָג. אין טאָג פון דער לויה
וועלען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען אין גאַנצען לאַנד
איינאָרדנען גרויסע דעמאָנסטראַציעס געגען די
היטלער-טעראָר, בעזונדערס אין די שטעדט, וואָס ליי-
גען נאָהענט צו דער דייטשער גרענעץ.

די פּאָליציי האָט היינט אַרעסטירט צוויי גאַ-
ציס אין מאַריענבאַד. דער חשד נעגען די אַרעס-
טירטע איז ענטשטאַנען צוליב דעם, וואָס אין משך
פון די לעצטע 2 טעג האָבען זיי זיך שטאַרק אינ-
טערעסירט מיט דער פערזאָן פון ערמאָרדעטען.

די גאַנצע טשעכאָסלאָוואַקישע פּרעסע, איינ-
געשלאָסען דעם רעגירונגס-אָרגאַן „פּראַגער פּרע-
סע" פערעפענטליכט מאָרגען גרויסע לייט-אַרטיק-
לען אין וועלכע עס ווערט בעווייזנט דער טויט פון
פּראָפ. לעסינג און עס ווערט שאַרף פּראָטעסטירט
געגען דער היטלעריסטישער העצע.

9 יודישע יונגעלייט פון דייטשלאַנד זענען נעבעטען אַרויסגעגאַנגען צופוס פון וואַרשא קיין א״י

די „מתנה" פון דער קהלה האָבען צוגענומען — גנבים

נעכטען 10 בייטאָג האָט זיך פאַר'ן לאָקאַל
פון קאָמיטעט צו בעקעמפען דאָס היטלער-דייטש-
לאַנד פערזאַמעלט אַן עולם פון העכער טויזענד
מאַן, כדי זיך צו געזעגענען מיט די 9 דייטשע
פּליטים, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען צו-פוס קיין
ארץ-ישראל.

דער פיהרער זייערער ה' סוסלאָווער, האָט גע-
האַלטען א רעדע, איהם האָט געענטפערט דער גע-
נעראַל-סעקרעטאַר פון פעראיין פון די אסט-יודען
ה' בורגרין..

טאַקרעם, ווי די העלדישע פוס-גייער האָבען
פערקויפט זייערע פאָטאָגראַפיעס און צוזאַמענגע-
נומען אַנ'ערך הונדערט זלאָטעס. האָט א שליח פון
דער קהלה איבערגעגעבען די יונגעלייט 25 זלאָ-
טעס. (א וואָזשנע „מתנה").

שפּעטער האָבען די יונגעלייט אָבמאַרשירט
צו דער ראָגאַטקע. דעם גרויסען וואָגען מיט זאַ-
כען, וואָס זיי פיהרען מיט זיך, האָבען א שטי-
קעל צייט געשלעפּט די בעגלייטער.

דערווייל האָט פאַסירט א שטעקאַוועס זאַך:
די העלדישע יונגעלייט איז, ווייזט אויס, נישט
בעשערט געווען צו געניסען פון דער „שענער" קהלה-
„מתנה", ווייל באַלד ווי ה' סילווער האָט דאָס
געלד אַריינגעלעגט אין קעשענע, האָט א גנב איהם
דאָס געלד אַרויסגעצויגען...

אין די וואַרשאווער גנבים וועלען זיך טאַקע
נישט שעהמען צו געניסען פון 25 זלאָטעס, וואָס
זענען געגעבען געוואָרען פאַר דייטשע פּליטים?

די זיכערסטע קרעפטיגונג פאַר קינדער איז שאָקאָלאַד
אויב שאָקאָלאַד — איז נאָר „פּלוטאָס"
דאָס בילינגסטע פון „פּלוטאָס" איז נאַרהאַפט, גוט און אנגענעהם.

געשלאָגען א שוואַנגערע פרוי צוליב — קאָנקורענץ

צוויי היטלער-געשעפטען געפינען זיך אויף נאַ-
וואָלירסקאַ. איין געשעפט, אויף נאַוואָליאַרסקאַ 14,
געהערט צו א געוויסען גוטמאַן, און א צווייט
געשעפט א. נ. „שוך-פּאַל" אויף נאַוואָליאַרסקאַ
7, געהערט צו א געוויסען פרייערמאַן.

קומט-פאַר צווישען די ביידע היטלער-
פאַבריקאַנטען א קריגעריי צוליב קאָנקורענץ, קו-
גים, א. ד. גל. נעכטען איז אויסגעבראָכען אַזאַ
קריגעריי, בעת וועלכען די פרוי פרייערמאַן האָט
שטאַרק געשלאָגען די שוואַנגערע פרוי גוטמאַן.

די שוואַנגערע פרוי גוטמאַן האָט געמאָלדען
דער פּאָליציי און די פרוי פרייערמאַן וועט האָבען
אויף זיך א פּראָצעס. עס האָט איהר עטליכע
חדשים תפיסה.

פעראייניגונג פון אַלע מעדיצינישע אינסטיטוציעס

נעכטען אין אָוונט איז אין גרויסען זאַל פון
קהלה-ראַט פאָרגעקומען די פעראייניגונגס-זיצונג
פון אַלע וואַרשאווער מעדיצינישע פילאַנטראָפּישע
אינסטיטוציעס. עס זענען געקומען די פערוואַל-
טונגס-מיטגלידער און דירעקטאָרים פון 11 אינסטי-
טוציעס, פאָרשטעהער פון רעגירונגס-קאָמיסאַר-
יאַט און פון מאַגיסטראַט.

דער פאָרזיצענדער פון דער פערזאַמלונג דאָ-
קטאָר שטיקגאָלד, לאַדעט איין אין פּרעזידיום די
הר. מאַזאָווינסקי פון מאַגיסטראַט, סט. ראָזענבערג,
דר. שיפּרים און ה' אייזענבערג.

נאָך א לענגערע דיסקוסיע ווערט בעשטימט
דער סטאַטוט און עס ווערט אויסגעוועהלט א פער-
אייניגונגס-קאָמיטעט פון די ה״ה: שטיקגאָלד, לאַ-
בענדזש, דר. פלאַטצמאַן, טעמקין, דר. שיפּרים,
דר. טייכנער, לעהרמאַן, קאַרמאַן, הערשענהאָרן און
פלאַנצמאַן.

דער פערלויף פון דער זיצונג איז געווען
זעהר א רוהיגער. עס האָט בלויז אַרויסגערופען א
פערוואונדערונג דער פאַקט, וואָס צו דער זיצונג איז
נישט איינגעלאַדען געוואָרען דער דר. אייזענגאָלד,
דער געוועזענער הויפּט-דאָקטאָר פון דער קליניק
„תומכי יולדות עניות", וועלכער איז זעהר בעקאַנט
מיט זיין לאַנג-יעהריגער טעטיגקייט לטובת די
אָרימע קימפּעטאָרינס אין דער יודישער געגענד.

אָוונטען פון יודישען קלאַסישען הומאָר פון לייב שריפטזעצער

דער בעקאַנטער הומאָריסט לייב שריפטזעצער פון
ווילנא, וועלכער שפּילט איצט אין „סקאַלאַ" און „אַורע-
בויל", אַראַנזשירט אין חודש סעפּטעמבער אין וואַרשא
א סעריע „אָוונטען פון יודישען קלאַסישען הומאָר".
אין זיין רעפּערטואַר: שלום עליכם, מענדעלע, נאַדיר,
לויצקי, אליעזר שטיינבאַרג, אַברהם רייזען, טשעכאָוו,
גאָגאָל, בערנאַרדשאָו און אַנדער. קלאַסיקער-הומאָריסטען.

גרויסער פילם אין דער יודישער שפּראַך „יוסף אין עגיפּטען"

קיין וואַרשא איז געקומען געטראָפען אַן אַמעריקאַ-
נער יודישער פילם, אויפגעפיהרט דורך בעקאַנטע
יודישע אַרטיסטען. דער פילם איז א בעאַרבייטונג פון
„יוסף אין עגיפּטען". אין דער אויפפיהרונג פון דעם
פילם-בילד בעטייליגען זיך איבער 1.000 פּערזאָנען.
א חוץ דעם גרויסען פילם וועלען אויך געוויזען
ווערען: א פּרעכטיגע קאָמעדיע מיט יוסף בולאָוו אין
דער הויפּט-ראָל און א געזאַנג-צוגאָב פון חזנ'ישע
קאָמפּאָזיציעס.

בעקאַנטמאַכונג פון טאַנץ-זאַל „קאַרילליאָן"

די דירעקציע פון טאַנץ-זאַל „קאַרילליאָן" מאַכט
בעקאַנט זיינע שטענדיגע בעזוכער, אַז היינט
און מאָרגען פון 8 ביז 2 ביינאַכט קומט-פאָר
די טאַנץ-אָוונטען מיט פערשידענע אַרטיסטישע אַט-
ראַקציעס אַנטייל נעהמען: בעריהמטע אַרטיסטען:
מיקסנער, גייער, לאַזשאָווינסקי און בעריהמטע טענצע-
רין טאַיאַלי אונטער דער לייטונג פון באַלעט-מייס-
טער: ראָזענבוים.
איינגאַנג היינט 70 גר., מאָרגען „פייף" פון 3
ביז האַלב 6 40 גר., ביינאַכט 60 גר. מיטנאַר 60
גר. יעדע וואָך א געענדערטער פּראָגראַם.

אַכטונג מיטגלידער פון יודישען פאָלקס באַנק

דערמיט מעלדען מיר, אַז דער המשך פון דער
אַלגעמיינער פערזאַמלונג קומט פאָר מאָרגען
פּינקטליך 1.30 נ. מ. אין לאָ-
קאַל פון דער געזעלשאַפט פאַר לאַנדווירטשאַפט.

די פערוואַלטונג.

דיר. מ. שניאור.

נייעס וועגען ווינטער-סעזאָן אין יודישע טעאַטער אין וואַרשא

מען גיט איבער, אַז די גוט-בעקאַנטע אַרטיסטין
חנה גראָסבערג און דער ליבלינג מאַקס מאַזשיק גריי-
טען שוין צו דעם ווינטער-סעזאָן אין איינעם פון די
טעאַטערען אין וואַרשא. עס געהט א פיבערהאַפטע צו-
גרייטונגס-אַרבייט. זיי האָבען צוגעקליבען שרייבער און
מוזיקער, וועלכע גרייטען צו א פערשידענאַרטיגען רע-
פּערטואַר. עס גרופּירען זיך אויך די בעסטע אַרטיס-
טישע כוחות וואָס וועלען צוזאַמען בילדען אַן ערשט-
קלאַסיגען אַנסאַמבל.

צי קען ראדאם ווארטען אויף אנ'ארביטראזש?

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, האט מען אויף דער לעצטער קאנפערענץ מיט'ן דירעקטאר פון דער עלעקטראווניע בעשלאסען די ראדאמער „עלעקטרישע פראגע" איבערצוגעבען א ארביטראזש-קאמיסיע אין ווארשא.

ווארשא איז שוין געווען אנ'עדות פון אזא „ארביטראזש-דין-תורה". דער ארביטער צווישען ווארשאווער מאגיסטראט און דער דארטיגער עלעקטראווניע איז געווען א געוויסער ה' אססער, א האלענדישער אדוואקאט. און אנשטאט צו ברענגען א הנחה פאר דער ווארשאווער בעפעלקערונג, האט דער האלענדישער ארביטער ארויפגעלעגט א מין קאנטריבוציע אויף ווארשא אין דער הויך פון איבער 25 מיליאן זל. לטובת די פראנצויזישע קאפיטאליסטען. מיר ווייסען נישט ווער עס וועט זיין דער ארביטער צווישען די ראדאמער קאנסומענטען און דער עלעקטראווניע. איינס מוז אבער פעסטגעשטעלט ווערען, אז די זאך וועט ווערען פערשלעפט און די ראדאמער בעפעלקערונג קען נישט רעכנען אויף א הנחה אינ'ם עלעקטריע-פרייז אין משך פון די נאהנטסטע חדשים.

די פערוואלטונג פון דער עלעקטראווניע פון איין זייט עקספלאאטירט „מוסטער-האפט" איהרע קאנסומענטען און פון דער צווייטער זייט אינוועסטירט זי גארנישט אין טעכנישע איינריכטונגען. דער בעסטער ביישפיעל איז דער אלטער סיסטעם פון ארויסגעהאנגענע אויף מיאוסע, פערשווארצטע סלופעס, דראהטען. אזא פערעלטערטען סיסטעם געפונען מיר נישט היינט אין קיין שום מערב-אייראפעאישער שטאדט. עס פאסט פאר א פשיטיק אדער א קאזיעניץ... אבער וואס געהט דאס אן די אויסלענדישע רענטיערען, וועלכע שניידען אפ די קופאנען פון די ראדאמער עלעקטראווניע-אקציעס!

מען דארף אנהויבען א גרויס-צוגיגע אקציע געגען דער ראדאמער עלעקטראווניע, כדי אויסצוקעמפען א גענוגענדע הנחה אינ'ם פרייז פאר שטראם.

מיר אפעלירען צו אלע ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס. זיי זאלען זיך פערנעמען מיט'ן ארגאניזירען דעם קאמף, ווי עס האבען געטהין אנדערע שטעדט.

א מגפה פון זעלבסטמארדען

לעצטענס איז אין ראדאם צו בעמערקען א פארמעלע מגפה פון... זעלבסטמארדען.

פאריגע וואך האבען מיר פערנאטירט א פאר פאלען. נעכטען האט די פאליציי פערנאטירט ווייטערע צוויי פאלען.

זובא וולאדיסלאוו (סלאוואצקי 119) האט צוליב פאמיליע-סכסוכים בעשלאסען צו בעגעהן זעלבסטמארד, דורך סמ'ען זיך. צו דעם צוועק האט ער אויסגעטרינקען א פלעשעל קארבאל.

די ערשטע הילף האט איהם ערטיילט די קראנקען-קאסע. שפעטער האט מען איהם איבערגעפיהרט אין יודישען שפיטאל.

אין טויער פון פלאנטי 5 איז דורך אויסטרינקען עסיג-עסענץ בעגאנגען זעלבסטמארד א געוויסע סטאניסלאווא קאלעטא.

די סבה פון איהר שריט איז א ליעבע-ענטטוישונג. מען האט זי אבגעפיהרט אין שפיטאל שוו. קאזשימיעזשא.

פערגאנגענעם דאנערשטאג האט זיך געוואלט נעמען דאס לעבען שרה רייטמאן (זשעראמסקי 14) דורך אויסטרינקען יאדינע. געטהון האט זי דאס צוליב מאנגעל אין פערדינסט-מעגליכקייטען.

די קראנקע האט מען איבערגעפיהרט און יודישען שפיטאל.

א פאלשע וואג אויף דער באהן

יוזעף קאוואלטשיק (מאריאצקע 12) האט בעמערקט, אז ביים אבוועגען קוילען אויף דער באהן-וואג איז ער געווארען אבגענארט אויף 12 קילא.

ביים אויספארשען האט זיך ארויסגעוויזען, אז די באהן-וואג פונקציאנירט שלעכט און וויזט א פאלשע וואג.

גרויסע שרפה אין א דארף הינטער ראדאם

מיטוואך ביינאכט איז אין דארף אלעקסאנדרוב הינטער ראדאם, אויסגעבראכען א שרפה אין שייער פון וואשיאק יוזעף. מיט די פלאמען זענען אוועק די פרישע תבואה, לעבעדיגער אינווענטאר, לאנדווירטשאפטליכע מאשינען און בנינים.

דער שאדען בעטרעפט א פאר טויזענד זלאטעס.

די סיבה פון דער שרפה איז דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

אויטא-צוזאמענשטויס

אויף דעם וועג פון זוואלין קיין ראדאם, איז אנ'אויטא מיט דעם נאגצען אימפעט ארויפגעפאהרען אויף דעך פוהר פון אברהם צווייגענבערג. פון צוזאמענשטויס איז לייכט פערוואונדעט געווארען דאס פערד.

דער אויטא געהערט צו דער ראדאמער גלאז-הוטע אויף נייע וועלט.

הייזער פאלען

דעם פערגאנגענעם פרייטאג איז אין אלטען הילצערנעם הויז נר. 48 אויף דער 1 טער מאי-גאס איינגעפאלען צוויי בוידעם-שטיבלעך.

צוליב דעם פארפאל איז פערוואונדעט געווארען איינער פון די לאקאטארען זענאן קיבלער.

אמבעסטען
וואשט און פארבט די כעמישע פראלניע
M. CICHOŃ
רוויינסקא 23, זשעראמסקי 27, סלאוואצקי 25
פראבירט און איבערצייגט אייך!

Pijcie śmietankę
„SIGALINA"
polecona przez największe sławy lekarskie.

קינא-רעפערטואר

APOLLO — משונה'דיג הויז
CZARY — מאסקעס פון ד"ר פו-מאן-טשו
ZNICZ — דאס שווייגענדע מויל

אפטייק-דיזשור

היינטיגע נאכט דיזשורירט די אפטייק
קאספזשיקאווסקי רינעק 13

אבאנירט
דעם „ראדאמער עקספרעס"

Kino „APOLLO"
wyświetla wielkie arcydzieło p. t.
Dziwny Dom
z Borisem Karloffem
Człowiekiem o 100 twarzach
Ceny wszystkich miejsc – za wyjątkiem lóż – **49 gr.**

יענע זייט לובלינער...

(פעליעטאן)

ראדאם איז שוין פון לאנג א שטאדט פון סענסאציעס און איז א שם דבר אומעטום. זענט איהר אויף די קרעסען און פאהרט אויף דער באהן און עס פרעגט אייך אייער שכן, וועלכער פאהרט מיט אייך צוזאמען „פון וואנען זייט איהר"? און איהר ענטפערט „פון ראדאם", דאמאלס איז אייך שוין נישט מקנא צו זיין: ער וועט אנהויבען פרעגען — וואס הערט זיך אין דעם ענין, ווער רעגירט איצט און וואס וועט זיין דער סוף און ווער וועט זיגען, און איהר וועט דאנקען גאט אז איהר אדער ער וועט אויף א סטאציע פון צוג אויסשטייגען. און דאס איז ניט איין פאל. אהן צווייפעל, זאג איך, אז יעדער ראדאמער האט שוין דאס דורכגעלעבט. נישט אויף די קרעסען איז אין גאליציען, אין ווארשא — אומעטום, וואו יודען לייענען א צייטונג. אבער נישט יעדער גלויבט דער צייטונג און טאקי צוליב דעם, וויל מען זיך פערזענליך בעקענען מיט'ן גאנצען ענין וואס הייסט „ראדאם".

ראדאם איז בכלל א כאראקטעריסטישע שטאדט, וואס האט דאכט זיך מיר נישט איהר גלייכען. אט לאמיר אננעמען, צום ביישפיעל, די לובלינער גאס פון זייגער ביז צו לאגאדזינסקיס אפטייק — די גאס פון בערזע און די גאס פון „הויך-פאליטיק". עס איז א פערשטענדליכע זאך און דורך די פאליטישע עקאנאמיע אנערקענט, אז פאליטיק איז ענג געשלאסען מיט דער בערזע. שלאגט היטלער יודען און עס קומען אינטערוועגצען פון אנדערע מלוכות, פאלט דער דייטשער מארק, פאלען די אקציעס פון דייטשע אקציען-געזעלשאפטען. אבער דא אין ראדאם איז דאך נישט פארהאן אט דער צוזאמענשלוס. עס וועט נישט פאלען דער דאלאר, ווען די נייע גמינע וועט ארויף אויף לובלינער 9 און ער וועט זיך נישט הויבען, אויב די גמינע וועט פערכאפט ווערען דורך די „אלטע גווארדיע"... און דאך איז אזוי. דעם ענין וועט קיינער אפילו דער בעסטער עקאנאמיסט נישט פערענטפערען. ראדאם איז א אויסטערלישע שטאדט. אמאל געדענק איך האט מען שפאצירט אויף דעם שטיקעל לובלינער גאס בלויז שבת אויף דער נאכט און זונטאג נאך מיטאג. און ווער? — שיקסעס מיט שגצים, שיקסעס מיט זעלנער, שיקסעס מיט חתנים... און היינט: פון זונטאג פריה ביז פרייטאג פאר ליכט צינדען, פון 9 פריה ביז שפעט אויף דער נאכט געהט מען אהין און צוריק, צום זייגער און צו דער אפטייק און מען שמועסט — פאליטיק. ווערט מען אביסעל מיעד, שטעלט מען זיך אב אויף א ווייל און מען פארמט א רעדעל. געהט דורך א פאליציאנט האט מען מורא פאר שטראף, וואס בעטרעפט א גילדען צוגעהט מען זיך און מען דרעהט זיך ווידער אהין און צוריק... איז דא עפעס „נייעס", איז די פרעקווענץ אויף „יענער זייט לובלינער" א גרויסע. מען דיסקוטירט און מען זאגט נביאות, גישט פארהאן קיין סודות, וועגען אלץ ווייסט מען. דאס זענען די קולוארען פון „פאליטישען ראדאם". דא וועט איהר טרעפען קהלה-פרנסים, דאזארעס, קאנדידאטען און יעדען, וואס טהוט צו א פינגער צום שפיעל וואס מען רופט „ראדאם". וואו פיהרט מען פראפאגאנדע, וואו זאמעלט מען אונטערשריפטען אויף א מעמאריאל אדער פעטיציע, וואו נעמט מען ביי יודען געלד אויף „פאליטישע אפענסיווע" — אויף יענער זייט לובלינער... איך שטעל מיר נישט פאר דאס „פאליטישע ראדאם" אהן די „לובלינער קוליוארען"... יעדע סביבה האט אנ'אויטאריטעט, א מיטגליעד פון „קאמפ'ס-שטאב". זיין ווארט איז דארט הייליג און ווערט בליץ-שנעל צעטראגען איבער דער גאנצער שטאדט פון „מרכז" ד. ה. פון יענער זייט לובלינער.. מען „אמטירט" פערמאנענט. מען נעמט אן ראפארטען, מען דערצעהלט סורות פאר א ענגען קרייז פון מיטקעמפער. אנ'אויג פון א גוטען אבסערוואטאר קען וויסען ווי האלט עס מיט'ן קאמף, פאר ווענען איז די קאניונקטור גינסטיג. מיט איין ווארט: ווער כאפט פאליטישע קלעפ און ווער זיגט. עס איז זעהר לייכט צו דערקענען די שמחה און פרייד ביי די, וואס דרעהען זיך אהין און צוריק דעצידירט. די טויטע שטילקייט און אראבגעלאזענע קעפ ביי די אנדערע, ווייזען בעשיינפערליך אויף דער געשאפענער לאגע.

פאלט אין סיים א ווארט וועגען „ראדאם", דאמאלס איז שוין אינגאנצען „ליהודים". מען לייענט בקול רם די צייטונג און יענע צייטונג און מען זוכט אין אנדערע מעהר שורות וועגען דעם. צו פערפיגונג שטעהט אויף יענער שטרעקע צווישען זייגער און דער אפטייק א אגענטור פון צייטונגען. אין יענע טעג איז אויך דא היימליך. אבער קיין געשעפט מאכט ער נישט. מען לייענט איהם אויס די גאנצע צייטונג... וועגען קויפען איז קיין רייד נישטא.

מיס אנדערע זאכען אינטערעסירט מען זיך נישט. יודיש שפיטאל, בית-יתומים, עזרה — דאס זענען נישט קיין טעמעס פאר יענער זייט לובלינער. פאליטיק און נאך א מאהל פאליטיק...

Quis

Druk N. H. Żabnera w Radomiu

Redaktor i wydawca: Jakób Chwat